STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02222

DER ZITTENLEHRER, ODER, BASNI-KRILOV

Meir-Volf Zinger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
זיטטענלעהרער
אדער
באסני־קרילאוו

איבער זעצט אין שירים אין ריינעם זשארגאן

פון

מאיר זאב זינגער

(דער מחבר פון משלי קרילאוו אין לה"ק)

ברדיטשוב

בדפוס הר"י שעפטיל נ"י

שנת תרמ"ח לפ"ק

ДЕРЪ ЗИТТЕНЛЕРЕРЪ

т. е.

НРАВОУЧИТЕЛЬ

Переводъ басенъ **Крылова** па евр. жаргонъ

Часть 1.

Перевелъ М. ЗИНГЕРЪ

БЕРДИЧЕВЪ

Въ тип. Я. Шефтеля

1888 г.

Дозволено Цензурою Кіевъ, 8 Ноября 1887 года,

1225
10-19-13

13 d

דאס שעפסכען

איך האב אפט מאל זא א רעשעניע געהערט
וויא מענטשין האבען ביא זיך זא אפ געקלערט:
יענעמס ריידען וועגען מיר הארט מיך ניט,
אביא איך וייס גאנץ גוט,
ביא זיך אליין,
אז מיין זעלע איזט ריין.
ניין, אויב דוא ווילסט דיך ניט בעגראבין
אונ מאכי א פנים האבין
צווישין לייטין
דארפסט דוא דיינע ביידע זייטין
גוט היטין
האלטין צו גוטין,
געמליך דיין נארוזשנאסט זאל אויך זיין
שיין אונ פיין.
צארטליכע פריילין! איהר דארפט וויסן
אז דיא ריינע געוויסין
זענין אייער רייכטהום
פיעל עדלער פון דעם פריהלינגס בלום.
אפט מאל איז אייער זעלע גאנץ ריין
דיא געוויסין פיין שיין

נָאר אַ אִיבֶּערִיגֶער בְּלִיק
אָדֶער נָאר אַ נִיט גֶעהִיטְזַאמְקַייט
גִיעבְּט דָאס אַ גֶעלֶעגֶענְהַייט
דֶעם קְלֶעוֶועטְנִיק
עֶר זָאל אַייךְ קֶענִין גֶעבֶּען אַ בִּיס
פֶער שְׁטַייט אִיר
אַז אַייעֶר נָאמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוִוים
נִיט דֶער וָואס פְרִיעֶר.
„טאר מֶען שׁוֹין קַיין בְּלִיק נִיט טוּהְן ?
קַיין שְׁמַייכֶעל, קַיין לַאךְ” ?
נִיט אַזוֹי זָאג אִיךְ אָן
נָאר אַזוֹי זָאג אִיךְ אַייךְ :
מֶען דַארְף זַיין גוּט גֶעהִיט
אוֹיף יֶעדֶער טְרִיט אוּנ שְׁרִיט
אוּנ זִיךְ גוּט בַּקְלֶערֶען
אַז דִיא שְׁלֶעכְטֶע צוּנְגֶען
זָאלִין אֲפִילוּ וֶוערִין
בַּאלְד צוּ שְׁפְּרוּנְגֶען
זָאלֶען זַייא נִיט קֶענֶען גֶעפִינֶען
דָאס מִינְדֶעסְטֶע זַאךְ
וָואס זַייא זָאלִין זִיךְ קֶענֶען דֶערִינֶען
אָן טְשֶׁעפֶּען אִין אַייךְ.
אַנְיוּטָאטְשְׁקֶע מַיין פְרַיינְד !
צוּ לִיעבּ דִיר אוּנ דַיין גְלַייכֶען
אִיז מִיר אוֹיס גֶעקוּמִין הַיינְט
דֶעם דָאזִיגֶען פַּאבֶּעל מַאכֶען.
וֶוערֶענְד דוּא בִּיסְט נָאךְ אַ קִינְד

לֶערִין אִים גוּט אוֹיס
אוּנ אוֹיבּ נִיט אַצוּנְד
זָא שְׁפֶּעטֶער וֶוען דוּא וֶוערְסְט גְרוֹיס
וֶועסְט דוּא הָאבֶּען פוּן אִים אַ נוּטְץ אַ ווַיילִין
הָארְךְ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר דֶער צֵיילִין׃
וָואס אַמָאל הָאט זִיךְ פַאר לָאפִין
וָואס דֶעם שֶׁעפְּסֶבֶּען הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפִין׃
שְׁטֶעל דַיין קוּקְלֶע נִידֶער אוֹיף אֵיין מִינוּט
מַיין זַאגֶע וֶועט זַיין גִיךְ אוּנ גוּט׃
אַיין שֶׁעפְּסֶבֶּען וֶועלְכֶעם וַואר זֵייעֶר דוּם
הָאט אַיין וָואלְפִּישֶׁע פֶּעל אָן גֶעטוּהְן,
אוּנ אִיז זִיךְ אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירֶען
עֶס הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַ בִּיסִיל שְׁטָאלְצִירִין
נָאר דִיא הִינְד וִויא בַּאלְד,
זֵייא הָאבֶּען דֶער זֶעהְן דֶעם לַיידַאק
הָאבֶּען זֵייא גֶעמֵיינְט פַּאק,
אַז דָאס אִיז אַ וָואלְף פוּן דֶעה וַואלְד
הָאבֶּען זֵייא גֶענֶעבֶּען אַ שְׁפְּרוּנְג
צוּ דֶעם פַּיינֶעם יוּנְג
אוּנ אִיזְוַואלְגֶערְט פוּן דִיא פִּים
אוּנ זֵייא וָואלְטִין גֶעוִוים
אִים גֶעוֶועהְן צוּ רִיבִּיז
עֶס וָואלְט פוּן אִים קַיין זֵכֶר נִיט גִיבְּלִיבִּיז,
אוּנ נָאר אוּם גֶעטְרַאכְט
וָואלְט מֶען אִים דֶעם טוֹיט גֶעמַאכְט
נָאר זַיין גְלִיק אִיז אַזוֹי גְרוֹיס גֶעוֶועזְן
אַז דֶער פַּאסְטוּךְ הָאט עֶס דֶער זֶעהְן

און האט אים גערַאדע דער קענט
האט ער אים גערעטעט פון זייערע הענד
נאר זיין ביים הונט אויף דיא ציין
איז ניט קיין קליינע זאך
און נאר איבער דעם דער שרעק אליין
האט ער געדארפט הארוועון א סך
זיך פאר שלעפען אין שטאל ארייןִ.
דארט האט ער געליטין גענוג לייד און פיין
ביז אין לעצטען טאג
געקרעכצט אויף זיין פלאג,
ווען ער וואלט אבער קליגער געוועזען
וואלט ער פריער ארויס געזעהן
וויא עס איז שעדליך דיא זאך
צו א וואלף זיין גלייך.

דאס בעגראבעניש

עס וואר שוין דערינען א גאנץ לאנגע צייט
אז אין יעניפּעט האט געהערשט דער געברויך
אז מען האט איינעם פון דיא גרויסע לייט
געוואלט בעגראבען ברייט און הויך
געמליך, מען זאל אים בעגראבין
עס זאל טאקי א פנים האבען

האט מען ווייענדיגע ווייבער געדונגען
מען זאל אים בעווייגען און בעזינגען.
נון ביים גראבען פון איין גרויסען גביר
זענין אזעלכע ווייבער גאר אן שיעור
געגאנגען בעגלייטין
דעם דאזיגין טויטין
צו זיין וואהנונג אין הימעל
מיט א געוויין און א געטומעל
און האבען געפילדערט מיט געשרייא
אז דאס הארץ האט אוים געריסען אויף זייא.
איין רייזענדער איז גראד
דורך געגאנגען דיא שטאט
און האט געמיינט
אז דיא געמיינדע ווייגט
אוים טיעפען הארצען
אוים קומער און שמערצען
און דאס הארץ טוט זייא וויא
אויף זייערען א פריינד
זאגט ער צו זייא אזוי:
ווערליג מיר שיינט
וואלט איר פרייליך געוועזען
אים ווידער לעבעדיג צו זעהן.
איך בין אצויבער מאן, איך קען דאס מאכען
מיר האבען ביי זיך אזעלכע זאכען
ער זאל לעבעדיג ווערין אין דער מינוט.
,אוי פאטער זייא אזוי גוט
און דער פרייא אונז

מיט דיין טייערען קונץ ;
מיר בעטען דיך אבער דער בייא
דוא זאלסט אים אויף הייבין אויף א תנאי
געמליך ער זאל מער ניט לעבען
נאר וויא א טאג זעקס זיבען
אונ טאקי גיך אונ באלד
(עס איז אן א גוואלד)
זאל ער מיט דעם קאפ אן לייגען
ווארום אין דער טהאט
האט מען פון זיין לעבען ווינציג געהאט
אונ ווייטער וועט ער אויך צו גאר ניט טויגין.
ווען מען וועט אים אבער בעגראבין
וועלין מיר הנאה האבין
ווארום מען וועט אונז ווייטער דינגען
אים בעוויינען אונ בעזינגען.

אזוינע גבירים איז דא א סך
אז נאר מיט דעם איינם טויט טוען זייא א גוטע זאך.

דער בער אין דער נעץ

דער בער איז אריין אין דער נעץ,
דוא מענסט לאבין פון דעם קץ

אוּנ טְרַייבֶּען קַאטָאוֶועס
מִיט דֶעם מַלְאָךְ הַמָוֶת.
גָאר וֶוען אַז עֶר אִיז וַוייט ;
אָבֶּער נִיט אַז עֶר אִיז גֶעבִּין דַיין זַייט.
דַאן אִיז גָאר אַיין אַנְדֶער זַאךְ
דַאן נִיט שְׁפֶּעט אוּנ נִיט לַאךְ !
עֶס גְלוּסְט זִיךְ דֶעם בֶּערֶעלֶע נִיט שְׁטַארְבִּין
דָאס נֶפֶשׁ'ל פַאר דַארְבִּין
עֶר אִיז, אַזוֹי גָאר, אַ מַאלַאדְיֶעץ
עֶר וָואלְט גֶעוָואלְט שְׁטְרַייטִין
עֶר אִיז אָבֶּער פַאר פְּלָאנְטֶעט אִין דֶער גֶעץ
אוּנ אוֹיף אִים פוּן אַלֶע זַייטֶן :
שְׁפִּיזִין בִּיקְסִין אוּנ הִינְד
וֶועט עֶר דָאךְ נִיט אַיין גֶעמִין אַצוּנְד
וָואס זְשֶׁע טוּט מַיין בֶּער
טוּט עֶר אַזַא קְלֶער :
אַז מֶען קֶען נִיט גֶעמִין מִיט כֹּחַ
דַארְף מֶען גֶעמִין מִיט מֹחַ
אוּנ מַיין מָאלָאדְיֶעץ
רוּפְט זִיךְ אָן אַזוֹי צוּם לָאוֶועץ :
„זָאג מִיר מַיין נְחָמָה
מִיט וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט גֶעגֶען דִיר
וָואס דוּא ווִילְסְט מַיין נְשָׁמָה
גֶעמִין בַּייא מִיר ?
דוּא ווִילְסְט אַלְץ צוּ הֶערִין
וָואס מֶען בְּרֶעשֶׁעט אוֹיף דִיא בֶּערִין
אַז זַייא הָאבִּין אַ שְׁלֶעכְטֶען נַאטוּר

איך זאג דיר אויף קלאר
אז דאס איז א ליגען
דוא מענסט פרעגען
בייא אלע שכנים
ועלין אלע אין איינעם
מיך לויבין אונ בענטשין
אונ קיינער פון דיעזען דארף
ועט מיר געבען א פיר וארף
איך זאהל אן דירין א טויטין מענטשין׳
—עס איז קלאהר וויא דער טאג׳
טוהט איהם דער יעגער א זאג
איך לויב דיך אליין
וואס דוא בעגייסט .זיך אזוי שיין
פיר אזא עדעלען מיטלייד
וואס דוא האסט צום מענטשין טויטער הייד.
וען זשע קען דאס אבער געשעהן ?
קיין לעבעדיגער האט ניט געקענט
ארויס גאנץ פון דיינע הענט
וואלט זיך גלייכער געוועהן
דיא טויטע עסין מיט אפעטיט
אונ דיא לעבעדיגע לאזין בערוהט.

דער מזל מיט דעם קבצן.

מיט א אלטען זאק אויף דער זייט
שלעפט זיך א ארומער צווישן דיא רייכע לייט
און קלאגענדיג אויף זיין שלימזל און קומער
פערוואונדערט זיך דער קבצן דער פרומער:
"דיא לייט וואס זיצין אין דיא גרויסע פאלאצין
ביז דעם האלז אין גאלד מיט גרויסע שאטצען
מיט טייערע מעבלען מיט גרויסע פערגניגען
מיט זיסע שפייזין מיט גרויסע פערמעגען
וויא זייא זענין אן געשטאפט מיט געלט
איז זייא נאך אלס קארג דיא וועלט.
און נאך אויף אזא משוגענים אופין
ווילין זייא אלץ מעהר קויפין און קויפין.
און זשעברעווין אלץ מעהר רייכטהום
ביז זייא ווערין דאס מיט א מאל אין גאנצין אן.
אט נעמט אייך דעם בעל הבית צום בייא שפיעל
ער האט זיך שוין אן געהאנדעלט זעהר פיעל,
און איז שוין טאקי א גרויסער עושר
וואלט, דאכט זיך מיר, געוועהן א יושר
אויפהערין זשעברעווין מעהר געלט,
לעבען בערוהט דאס שטיקיל וועלט.
און זאל זיין הענדיל אפ שטעלין
זיינע פריינד אדער געזעלין.

גַיין׳ עֶר שִׁיקְט נָאךְ קַאראַבְּעֶן אויף דֶעם יַם
עֶר מֵיינְט בֶּעקוּמֶען גִילְדֶענֶע בֶּערְג׳ מִן הַסְתָּם
וֶוערִין זִיךְ זַיינֶע שִׁיפִין צוּ שְׁפְּרוּנְגֶען
זַיינֶע שַׁאטְצִין הָאט דֶער מֶער אַיין גֶעשְׁלוּנְגֶען
זַייא לִיגֶען טַאקִי דָארְטִין עַד הַיוֹם
אוּנ עֶר וַאר נָאר רַייךְ אִין טְרוֹים.
דֶער אַנְדֶערֶער הָאט אָטְקוּפִּין גֶעדוּנְגֶען
אוּנ הָאט טַאקִי בֶּעקוּמִין דִיא קְלִינְגֶען
עֶר הָאט שׁוין אַ גַאנְצִין מִילְיָאן
וָואלְט עֶר גֶעמֶענְט אויפְהֶערִין גֶעשֶׁעפְטִין טְהוּן.
קַארְג ! עֶר ווִיל רַייכֶער וֶוערִין אִין צְוַוייֶען
עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶעם קָאפּ דְרֵייֶען
דָא בָּארְגֶען׳ דָארְטִין לַייֶען
דָא פֶּערְלַייגֶען׳ דָארְט זָאל אויךְ סְטַייֶען
אַזוֹי לַאנְג אוּנ אַזוֹי בְּרֵייט
בִּיז עֶר וֶוערְט אִין גַאנְצִין פֶּער דְרֵייט
גֶעמוּטְשֶׁעט בִּיז וַואנֶען עֶר הָאט גֶעקֶענְט
אַצוּנְד מוּז עֶר אוֹים שְׁטְרֶעקִין דִיא הֶענְד.
קוּרְץ פוּן דֶער זַאךְ
אַזֶעלְכֶע פְּרִימְיֶערִין אִיז דָא אַסַךְ.
אוּנ אַ מִצְוָה אויף זַייא ! גַאנְץ קְלוּג
לָאזִין זַייא ווִיסִין וֶוען הֵייסְט גֶענוּג.״
דֶער קַבְּצָן עֶנְדִיגְט קוֹים זַיין תּוֹכָחָה
קוּמְט אִיהְם פּוּנְקְט אַנְטְקֶעגֶען דִיא הַצְלָחָה.
אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם אַזוֹי : הֶער צוּ מַיין פְרַיינְד
אִיךְ דֶער מַזָל בִּין גֶעקוּמִין צוּא דִיר הַיינְט
אִיךְ הָאבּ שׁוין לַאנְג גֶעטְרַאכְט

דיך בייך מאכין
נאר עס האט זיך ניט געמאכט
געבראדע אזעלכע זאכין.
אצונד האב איך בעקומין
רענדלאך א גאנצין פאק
אונ האב זיך פיר גענומין
דער פילען דיין זאק
עפין איהם ! איך וועל איהם אן שיטין
וויא פיעל ער וועט קענין אוים טראגען
נאר איך וועל דיך פריער פער היטין
איך מוז דיר איין זאך אהן זאגען
דאס וואס וועט אין דיין זאק אריין
וועט דאס אלס גאלד זיין
נאר דאס וואס וועט פון דעם זאק ארויס
ווערט באלד בלאטע ווערין דערויס.
זעה זשע מיין נשמה, מיין קינד.
געלט איז דאך זעהער א גרויסע אחאטע
בין איך דיר מתרה אונ זאג דיר אן אצונד
דוא זאלסט דאס ניט פער קערין אין בלאטע
מען האט מיר געהייסין מיט א פיל מויל
איך זאהל דיר שטארק פער זאגען
דיין זאק איז דאך א ביסיל פויל
נעם זשע נאר ער זאהל קענין אוים טראגין.«
מיין קבצן, הערינדיג געלט,
איז געווארין זעהר דער פרייט
דער קאפ האט זיך אזש פער דרייט
ער ווייסט ניט וואו איז ער אין דער וועלט.

און צוא גֶעמְט דֶעם זאק מִיט צִיטֶערינְדִיגֶע הֶענְט.
דָא הָאט זִיךְ אָן גֶעהויבּין שִׁיטִין פון אַלֶע וֶוענְט
רֶענְדְלִיךְ פַאלִין וִויא אַ גִילְדֶענֶער רֶעגֶען
דֶער זאק וֶוערְט שְׁוֶוערְלַאךְ פון גְרוֹים פֶערְמֶעגֶען.
דֶער מַזָל מְהוּט דֶעם קַבְּצָן אַ פְרֶעג:
"נָא! וִויא מֵיינְסְט דוּא? שׁוֹין גֶענוּג?"
"נָאךְ נִיט", "וֶועט דֶער זַאק זִיךְ נִיט צוּ שְׁפַּאלְטִין?"
"הָאבּ קַיין פָּארְכְט, עֶר וֶועט נָאךְ הַאלְטִין."
"דוּא בִּיסְט דָאךְ שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר!"
"נָאךְ אַבִּיסִילֶע גִיבּ מִיר"
"וַוארְף צוּ נָאךְ אַיין קוֹלַאק".
"אָט צוּ רֵייסְט זִיךְ דֵיין זַאק!"
"נָאךְ אַ לֶעק
נָאךְ אַ שְׁמֶעק. -
מִיט אַמָאל טוּהְט דֶער זַאק אַ טְרַאח
אוּנ צוּ שִׁיט זִיךְ אוֹיף פְּרַאח.
אוּנ דֶער מַזָל אִיז אַוֶועק גֶעשְׁוִוינְד
נָאר דֶער זַאק לִיגְט פִיר זַיינֶע אוֹיגֶען אַצוּנְד
אוּנ דֶער קַבְּצָן דֶער לֵיידַאק
אִיז גִיבְּלִיבֶּען מִיט דֶעם צוּרִיסִינֶעם זַאק.

דֶער מַזָל צוּ גַאסְט

מִיר זֶענִין דֶערוֹיף גַאנְץ מִילְד
אוֹיף דֶעם מַזָל אַרוֹיף לֵייגֶען דִיא שׁוּלְד,
וֶוען מִיר הָאבֶּען קַיין כָּבוֹד, אָדֶער מִיר זֶענִין נִיט רֵייךְ

אַזוֹי בֶּעֶרְעֶכֶענִין מִיר נִיט פִיל דִיא זַאךְ
נָאר אִין יֶעדֶען שְׁלֶעכְטִין צוּ פַאל
בֶּעשׁוּלְדִיגֶען מִיר דֶעם שִׁיקְזַאל.
נָאר וֶוען מִיר גִיבֶּען אַ וַואהְרֶען בְּלִיק
זֶענִין מִיר אִין דֶעם אַלֵיין שׁוּלְדִיג
דָאס בְּלִינְדֶע מַזָל דְרֵייט זִיךְ צְוִוישֶׁען לַייטִין
עֶר וַוארְפְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אוֹיף אַלֶע זַייטִין
אוּנ נִיט נָאר בַּיים גְרוֹיסִין גְבִיר
הַאלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זַיין אַיין קְוַוארְטִיר.
וָוארוּם עֶר קוּמְט אוֹיךְ צוּ דִיר אִין דַיין שְׁטוּבּ
אוּנ זָאמְט זִיךְ אָפְּ פִילֶעס אִיז אִים לִיעבּ
נָאר וַויים וִויא זִיךְ מִיט אִים בֶּענֵיין
וֶוען עֶר וִויל בַּייא דִיר אַיין שְׁטֵיין,
וָוארוּם וֶוער עֶס קֶען זִיךְ גוּט פִירִין
אַז עֶר טוּט בַּייא זִיךְ דֶעם מַזָל שְׁפִּירִין
דֶער קֶען פִיר אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אִין אֵיין מִינוּט
גֶעצָאלְט וֶוערִין גִיךְ אוּנ גוּט.
לָאזְט דוּא אָבֶּער אַוֶועקְגֵיין דִיא גִילְדִינֶע צַייט
וֶוען דוּא וָואלְסְט גֶעקֶענְט וֶוערִין עֶפִּים אַ לַייט
בִּיזְט דוּא דָאךְ אַלֵיין אִין דֶעם שׁוּלְדִיג
נִיט דֶער שְׁלִימַזָל מִיט דֶעם אוּנְגְלִיק.
נָאר וַויים פְרִיר
אַז עֶר וֶועט שׁוֹין עֶוִויג נִיט קוּמֶען צוּ דִיר.

אִין אַ קְלֵיין שְׁטִיבִּיל, פוּן דֶער שְׁטָאט נִיט וַוייט
זֶענִין גֶעזֶעסִין דְרַייא בְּרִידֶער אָרֶעמֶע לַייט.

אונ וָואס זֵייא הָאבֶּען אָנְגֶעפַאנְגֶען
צוּ טוּהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט
אִיז אַלְס נִיט גֶעגַאנְגֶען
זֵייא הָאבֶּען דֶער זֵיינְט אַבִּיסֶעל גֶעלְט.
אונ וִויא זֵייא הָאבֶּען בֵּייא זִיךְ גֶעקְלֶערְט
זָאגִין זֵייא : עֶס אִיז אוּנְז אַזוֹי בֶּעשֶׁערְט
עֶס אִיז אִין דֶעם נִיט שׁוּלְדִיג קֵיינֶער
נָאר דֶער מַזָל אִיז אוּנְזֶערֶער אַזאַ שֵׁיינֶער.
דֶעם מַזָל הָאט גֶערִירְט זֵייעֶרֶע רֵייד
אונ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זֵייא שְׁטִילֶערְהֵייד
עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט אַלֶע קְרֶעפְּטִין
הֶעלְפִין זֵייא אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטִין
עֶר מוּז זֵייא אַרוֹיס צִיהֶען פוּן זֵייעֶר קוּמֶער
אונ זָאמְט זִיךְ דָארְט אָפּ אַ גַאנְצִין זוּמֶער
אִין אַ זוּמֶער אִיז דָא מֶעג זֵייעֶר פִּיל
עֶס אִיז נִיט קֵיין חַאפֶּענְדִיגֶע שְׁפִּיל
עֶס גֵייט יֶעצְט אוֹיף אַ אַנְדֶער אוֹפֶן
אֵיינֶער וַואר, זָאגַאר, אַ גְרוֹסֶער דוּרַאק
נָאר יֶעצְט בֵּייא יֶעדֶער קוֹיפִין אונ פַאר קוֹיפִין
פִּיעלְט עֶר אָן מִיט רוּבֶּל אַ גַאנְצִין זַאק.
וָואס הֵייסְט דֶער לֵייגֶן הָאט עֶר שׁוֹין פַאר גֶעסִין
אונ וִויא קְרֶעז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז עֶר גֶעזֶעסִין.
דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גֶעוָוארֶען אַ שְׁרַייבֶּער
מֵיילָא אִין אַ אַנְדֶער צַייט
וָואלְט עֶר גֶעפֵּייגֶרְט אַ בֶּערִין טְרַייבֶּער
הַיינְט אָבֶּער אִיז עֶר אַ גַאנְצֶער לַייט.
עֶר מַאכְט אַ וִויזִיט אָדֶער אַ בַּאל

בֶּעקוּמְט עֶר אַ אָרְט, אָדֶער אַ פַּאחַוואל
אוּנ גִיבּ אַבְּלִיק אוֹיף דֶעם יוּנְגֶען מַאן
בַּייא אִים אִיז שׁוֹין אַ דָארְף מִיט אַ דַאטְשֶׁע פֶּערַאן.
אַצוּנְד קֶערְט אִיר זַיין גֶערִין
אַבִּיסִיל נַחַת פוּן דֶעם דְרִיטִין הֶערִין?
דֶער מַזָל הָאט זִיךְ מִן הַסְתָּם
אַרַיין גֶעמִישְׁט אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטִין אוֹיךְ!
נָאךְ וִויא אַזוֹי! אַ סַךְ! אַ־יִם!
עֶס אִיז אַזְש גֶעגַאנְגֶען אַ רוֹיךְ:
כִּמְעַט מִיט אַלֶע קְרֶעפְטִין
הָאט עֶר זִיךְ גֶעמִישְׁט אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטִין
דֶער דְרִיטֶער הָאט אַ גְרוֹיס גְלִיק גֶעקְרִיגֶען
אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט פוּן חַאפִּין פְּלִיגִין
נָאר וָואס הֵייסְט אַ גְלִיק
פוּפְצֶען פְּלִיגִין אִין אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק.
אִיךְ וֵיים נִיט וִויא בִּיז אַ הֶער
אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים דֶער מֶער.
נָאר יֶעצְט אַדַאנְק דֶער הַצְלָחָה
אִיז אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט אַרַיין דִי בְּרָכָה.
עֶר טוּט אֵיין מַאךְ מִיט דֶער הַאנְט
חַאפְּט עֶר פִיל פְּלִיגִין פוּן דֶער וַואנְט.
נָאר אַלְס דִינְג מוּז דָאךְ הָאבֶּען אֵיין עֶק
דֶער מַזָל אִיז זִיךְ פוּן זֵייא אַוֶועק
אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג
אוּנ הָאט זֵייא אָפּ גֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיס פַּאר מֶעג
אֵיין בְּרוּדֶער הָאט אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת גֶעוִוינֶען
דֶער אַנְדֶערֶער, דֶער צוּ, נָאךְ טְשִׁינֶען

אונ דער דריטער ברודער
מאכט א געפילדער מיט א גערודער
שימפפט דעם מזל מיט דעם פולען מויל
א פנים, זאגט ער, דער מזל איז אויך פויל
ער איז א גרויסער ליידאק
ווייל ער איז געבליבען מיט דעם זאק.

טייערער לעזער ! זאג דוא אליין
ווער איז שולדיג, אונ ווער ניין.

דער ארומער נגיד

נא טויג עפים זיין רייך
ניט עסין ניט טרינקען קייז גוטע זאך
ניט וויסען פון קיין לעבען אויף דער וועלט
נאר שארין אונ קלויבען געלט מיט געלט ?
אונ נאך וואס ? אט וועלין מיר שטארבען
וועט אונז יענער ארבען !
מיר בעמיהען זיך גאנץ גוט
אונ פערבראכטין זיך יעדער מינוט.
ניין, איך זאל ווערין א גביר
ניט נאר א רובל, א גאנצער הונדערטער
וואלט ביי מיר ניט געווען צו שווער
אוים געבען אויף מיר
איך זאל לעבען וויא א לייט
מיינע בעלער זאלין זיך הערין גאנץ ווייט

אִיךְ וָואלְט יֶענֶעם אויךְ גִיגֶעבֶּען.
אָבֶּער דָאס קַארְגֶע לֶעבֶּען
פוּן דִיא קַארְגֶע גְבִירִים
אִיז נָאר פוּל מִיט יְסוּרִים״.
אַזוֹי קְלֶערְט בַּייא זִיךְ אַ אָרוּמֶער מַאן
לִיגִינְדִיג אִין זַיין הַייזֶעל אויף אַ שְׁפַּאן.
פְּלוּצִים אִיז אֵיינֶער דוּרְךְ אַ לֶעכִיל
אַרַיין גִיקְרָאכֶען צוּ אִיהְם מִיט אַיין שְׁמֵייכֶעל.
אֵיינִיגֶע זָאגֶען אַ כִּישׁוּף מַאכֶער
אַנְדֶערֶע זָאגֶען אַז דָאס אִיז אַ רוּחַ גֶעוֶועהְן
דִיא אַנְדֶערֶע זָאגֶען אַ בִּיסִיל גְלַייכֶער
פוּן וַוייטֶער וֶועלִין מִיר דָאס הֶערוֹים זֶעהְן
עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר פַאר דֶעם אָרִימֶען מַאן
אוּנ אַזוֹי פֶאנְגְט עֶר אָן:
דוּא וִוילְסְט הָאבֶען רַייכְטְהוּם
אִיךְ הָאבּ דַיין צִיעל אויךְ גֶעהֶערְט
(מִן הַסְתָּם אִיז דִיר אַזוֹי בֶּעשֶׁערְט)
דַיין צִיעל אִיז נִיכְט דוּם;
אוּנ אִיךְ בִּין בַּאלְד גְרֵייט
עֶרְפִיעלֶען דַיינֶע רֵייד:
נַא דִיר אַיין בֵּייטֶעלֶע, עֶס לִיגְט פַאר דִיר
נָאר אֵיין רֶענְדִיל לִיגְט דָארְט נִיט מֶעהְר
גֶעמְסְט דוּ אִים אָבֶּער הֶערוֹים, לִיגְט שׁוֹין דֶר אַנְדֶערֶר,
אויף אַזֶעלְכֶער וַוייזֶע קֶענְסְט דוּא וֶוערִין אַ גְבִיר.
נֶעם דָאס, אוּנ שְׁלֶעפּ רֶענְדְלַאךְ
וִויא פִיל דוּא וִוילְסְט, אַ סַךְ, אַ סַךְ
נָאר דֶער בַּייא

גֶעם אִיךְ אויס מִיט דִיר אַ תְּנַאי
דוּא טָאהֶרְסְט נִיט קוֹיפֶען קַיין זַאךְ
בִּיז דוּא וַוארְפְסְט דָאס בַּייטֶעלֶע אִין טַייךְ„.
גִיזָאגְט, אוּנ הָט אִים מִיט דֶעם בַּייטֶעל אָפּ גֶעשְׁטֶעלְט
דֶער אָרוּמֶער מַאן אִיז שִׁיעוּר אַרָאפּ פוּן דֶעם זִינֶען
נָאךְ דֶעם הָאט עֶר אָבֶּער אָן גֶעקְוֶועלְט
אוּנ לֵייגְט אַרַיין זַיינֶע הֶענְט דֶערִינֶען
עֶר הָאט נָאר דָאס אֵיינֶע רֶענְדִיל הֶערוֹיס גִינוּמֶען
רִירְט זִיךְ שׁוֹין דָאס אַנְדֶערֶע רֶענְדִיל דָארְט
„אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע זַאךְ בֶּעקוּמֶען —
זָאגְט עֶר, חָלֶעבִּין, אוֹיף מַיין וָוארְט
אִיךְ וֶועל טְהוּן דֶערִינֶען
בִּיז מָארְגֶען פְּרִיה בֶּעגִינֶען
וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין זַיין רַייךְ
אִיךְ וֶועל הָאבֶּען רֶענְדְלַאךְ אַ סַךְ
וֶועל אִיךְ שׁוֹין אָן הוֹיבִּין לֶעבֶּען גוּט
מַאקִי נָאר וִויא אַ סִיבִּירִיט.
עֶר שְׁטֵייט אָבֶּער אוֹיף פְּרִיה בֶּעגִינֶען
אוּנ גָאר אַנְדֶערְשׁ גֶעטְרַאכְט
אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְט גִיהַאט אִין זִינֶען —
זָאגְט עֶר — גֶעכְטֶען פֶּער נַאכְט
יָא עֶס אִיז קְלָאהְר וִויא טָאג
טְהוּט עֶר זִיךְ זֶעלְבְּסְט אַ זָאג :
אִיךְ בִּין גִיוָוארֶען אַ גְרוֹסֶער גְבִיר !
נָאר הָאט דָאס דֶען אַ שִׁיעוּר ?
פַאר וָואס זָאל אִיךְ נִיט פֶּערְדָאפֶּעלֶען מַיין רַייכְטְהוּם ?
וֶועט דָאס דֶען נִיט זַיין זַייעֶר דוּם

נָאךְ אַ טָאג אִיבֶּער פִּירֶען
פוּן דֶעם בַּייטֶעלֶע רֶענְדְלַאךְ רִירֶען ?
אָט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיף אַ עֶקִיפַּאזְשׁ מִיט אַ הוֹיז
נָאר לָאמִיר שְׁמוּעֶסֶען אוֹיף דֶעם אוֹפֶן
וֶוען אִיךְ קֶען מִיר דֶערְפֶּער קוֹיפֶען
וִויא וֶועט זַיין דָאס נַארִישְׁקֵייט גְרוֹיס
אַז אִיךְ וֶועל דֶעם סְלוּטְשַׁאי אָן וֶוערִין ?
וֶוען אִיךְ וֶועל מִיךְ רֶעכְט בֶּעקְלֶערִין
וֶועל אִיךְ פֶּערְהַאלְטֶען דֶעם דָאזִיגֶען מַאכֶער
יָא, יָא, זָא אִיז פִּיל גְלַייכֶער
אַזוֹי זָאל זַיין וִויא אִיךְ זָאג
אִיךְ וֶועל בֶּעסֶער צוּ פַּאסְטִין נָאךְ אַ טָאג.
אוּנ אוֹיף לֶעבֶּען בְּרֵייט אוּנ פֶּערְשֵׁייט
וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבֶּען גֶענוּג צַייט«.
דֶער סוֹף פוּן דֶעם בֶּעגֶעבֶּענְהַייט !
עֶס גֵייט אַוֶועק אַ טָאג אַ וָואךְ אַ מָאנְהַייט
עֶס גֵייֶען אַוֶועק פִּיל יָאהְרִין
מַיין דַלְפוֹן הָאט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אָן גֶעוָוארֶען
דֶער וַוייל. עֶסְט עֶר אָרֶעם בְּרוֹיט.
עֶס וֶוערְט נָאר טָאג אוּנ עֶר אִיז גְרֵייט
נֶעמִין זִיךְ צוּ זַיין אַרְבֵּייט
דֶער טָאג פֶּער גֵייט
אוּנ נָאךְ זַיין רַאזְשְׁצָאט
הָאט עֶר אַרְין אַ נֶעדָאטְשָׁאט.
אוּנ אַז עֶר טוּט יָא אַ טְרַאכְט
טְרָאגֶען דָאס בַּייטֶעלֶע צוּם טַייךְ
בְּלַייבְּט זַיין הֶערְץ טוֹיט אָן מַאכְט

ער קומט אהין, זא גלייך

קערט ער זיך אום צו ריק

וויא אזוי קען איך פון אזא גליק—

רעדעט ער צוא זיך אליין—

פון אזא ביטעלע אפ שטיין ?

וויא קען איך טוהן אזא זאך

אזוי משוגע און קרום

אז עס גיסט זיך גאלד פון איהם

נאר וויא פון א טייך ?»

ענדליך מיין קבצן ווערט גרוי

ער איז שוין דאר וויא א שטרוי

ער איז שוין געל גיווארען וויא זיין גאלד

און דאס וואס ער האט פריער געוואלט

גוט טרינקען און גוט עסין

האט ער שוין לאנג פאר געסין

ער איז שוואך און מאגער גיווארען

זיין גיזונד אין גאנצען פערלארין.

זיין תאוה איז אבער נאך גרויס

זיא נעמט נאך ניט קיין ענדע

און מיט זיינע ציטערינדיגע הענדע

ציעט ער נאך רענדלאך הערויס

ער ציעט רענדלאך און ציעט ....

ביז דער לעצטער מינוט

וויא אזוי זשע איז דיא ענדע געווען

פון דעם וואונדערליכען בענעבענהייט ?

אויף דער באנק וואו דאס איז גישעהן

ליגט דער קבצן צו שפרייט

און שפילענדיג זיך מיט זיין געלט
האט ער גיעקט מיט זיין וועלט
און איז געביך ארום גישטארבען
דעם ניינטין מיליאן ערווארבען.

דער קארגער מיט דער הון

דער קארגער ווערט אין גאנצען אן מיט אמאל
ווייל ער וויל צו פיל גאר אן צאהל
דאמיט איך זאל ניט זוכען פרימיערין
צוואר זייא זענען דא זייער פיל
אויף זוכען איז מען פויל, דרום וועל איך גערין
דער ציילען אייך א אלטען ביישפיל

איך האב געלייענט קליינערהייד,
וועגין אקארגען גייען דיא רייד.
עס איז א מאל גיוועזן אמענטש אויף דער וועלט
וועלכער האט ניט געקענט קיין מלאכה
אין זיינע קאסטין האבין געקוועלט געלט
און וואס ווייטער איז גרעסער זיין הצלחה.
ער האט גיהאט א הון אזוינע
וואס פלעגט לייגען אייער שיינע
ניט קיין פראסטע נאר פון גאלע גאלד
(וויא אזוי זאל מען ניט מקנא זיין אויף אזא זאך?)
א אנדערער וואלט מעהר ניט געוואלט
צו ביסלעכווייס ווערין רייך

עֶר אָבֶּער בַּאנוּגֶענְט זִיךְ נִיט
דֶער מִיט .
אִים אִיז אַרוּיף אוֹיף זַיין זִינֶען
אַז וֶוען עֶר צוּ שְׁנַייד דִיא הוֹן
וֶועט עֶר קְלָאהְר אִין אִיר אַ שַׁאטְץ גֶעפִינֶען
אוּנ פַארְגֶעסְט דָאס גוּטְץ וָואס זִיא הָאט אִים גִיטוּהְן
אוּנ דֶער אוּמְדַאנְקְבַּארֶער הָאט קַיין מוֹרָא פַאר אַ זִינְד
אוּנ הָאט זִיא צוּשְׁנִיטֶען גִיךְ אוּנ גֶעשְׁוִינְד.
וָואס פַאר אַ בֶּעלוֹין הָאט עֶר אָבֶּער בֶּעקוּמֶען ?
עֶר הָאט נָאר אִינְגֶעוַויידֶע אַרוֹיס גֶענוּמֶען.

דֶער קַארְגֶער

אַ בֶּעגְרָאבֶּענֶעם שַׁאטְץ אִין אַ הֵייל
הָאט אַ רוּחַ גֶעהִיט אַלַאנְגֶע צַייט
פְלוּצְלוּנְג אִיז אִים אָן גֶעקוּמֶען אַ בֶּעפֶעל
עֶר זָאל גֵיין עֶרְגִיץ גַאנְץ וַוייט.
דֶער אַשְׁמְדַאי פַאר שִׁיקְט אִים אוֹיף פִיל יָאהְרֶען.
מֶען מוּז פָאלְגֶען, מֶען מוּז פָארֶען.
מַיין רוּחַ וַוייסְט אָבֶּער נִיט וָואס צוּ טוּהְן
דֶעם רַייכֶען שַׁאטְץ וואוּ טוּהְט מֶען אַהִין ?
עֶר זָאל זֶעצִין אַ שׁוֹמֵר סְטְרוֹיֶען אַ אַמְבַּאר
וֶועט עֶר דַארְפֶען צָאהְלֶען פִיל גֶעלְט דֶער פַאר
עֶר זָאל אִים גְרַאדֶע אַזוֹי אָפּ שְׁטֶעלֶען
אִיז אִים אוֹיךְ עֶפִּים נִיט גִיפֶעלֶען

עֶר װֶעט קְלָאהְר פַארְפַאלֶען װֶערֶען
װָארוּם גֶעלְט לָאזְט זִיךְ הֶערֶען ?
עֶר קְלֶערְט אוּנ קְלֶערְט אוּנ הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט
אַז זַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז אַ בְּרִיָה אַ שְׁלַאק
בַּייא אִים נֶעמֶען אִיז גְלַייךְ וִויא פוּן דֶער װַאנְט
עֶר אִיז קַארְג אוּנ לִיגְט אוֹיף דֶעם זַאק
קוּמְט עֶר צוּ אִים נֶעבֶּעךְ פֶערְצָאגְט
אוּנ הָאט צוּא אִים אַזוֹי גִיזָאגְט :
מַיין טַייעֶרער בַּעַל הַבַּיִת
אִיךְ מוּז נֶעבֶּעךְ גַאנְץ װַייט פָארִין
אוּנ אַזוֹי וִויא פוּן דִיר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דָאס
וָואס אִיךְ פְלֶעג דוּרְךְ דִיר פִיל פֶערְשְׁפָּארִין
נֶעם־זְשֶׁע דִיר מַיין אוֹצָר, נֶעם מַיין לֶעבֶּען
עֶס אִיז דָארְט דָא הִיפְּשֶׁע עֶטְלִיכֶע רוּבִּיל
אִיךְ װֶעל דִיר אַ גוּטֶע אָטְיֶעזְדֶנֶע גֶעבֶּען
הָאבּ סֶערְדְצֶע קַיין פֶערְאִיבֶּעל
עֶס אוּנ טְרִינְק פוּן בֶּעסְט אוּנ שֶׁענְסְט
קוֹיף דִיר עֶסִין קוֹיף דִיר סְחוֹרָה
לֶעבּ וִויא װַייט דוּא קֶענְסְט
הָאבּ גָאר קַיין מָרָה שְׁחוֹרָה
נָאר אֵיין תְּנַאי מִיט דִיר
נֶעם אִיךְ אוֹיס פְרִיעֶר
אַז דוּא װֶעסְט שְׁטַארְבֶּען
אוּנ אִיךְ װֶעל קוּמֶען צוּ פָארִין
זָאל אִיךְ אַלֵיין דִיךְ אַרְבֶּען.
נָאר לָאז דִיר גָאט דֶערְלֶיינְגֶערִין דַיינֶע יָאהְרִין.
זֵייא הָאבִּין גֶעמַאכְט אַ עֶק

אוּנ מַיין רוּחַ אִיז אִין וֶועג אַוֶועק.
אוּנ הָאט זִיךְ אָפּ גִיזַאמְט גָאר אוּנ גָאר
בְּמֶשֶׁךְ הַכֹּל אַ צְוֶוייא צֶוַועֶנְדְלִיג יָאהְר
אוּנ אַז עֶר הָאט גֶיעֶנְדִיגְט זַיין שְׁלִיחוּת
אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ פְלִיהֶען וִויא מִיט רוּחוֹת.
אוּנ אִיז בַּאלְד אַרַיין צוּם קַארְגֶען אִין גֶעצֶעלְט
אוּנ טוּהְט זִיךְ אַ חַאפּ בָּאלְד צוּ זַיין גֶעלְט
עֶר הָאט אָבֶּער דֶער זֶעהֶען וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט
עֶס לִיגְט אִין קַאסְטֶען זַיין זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד
דֶער קַארְגֶער הָאט אָפּ גִיעֶקְט מִיט דֶער וֶועלְט.
עֶר אִיז, אַ פָּנִים, גִישְׁטָארְבֶּען פַאר הוּנְגֶער
אוּנ לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶעם קַאסְטִין גֶעלְט
דֶער שְׁלִיסֶעל אִיז צְוִוישֶׁען זַיינֶע פִינְגֶער
אוּנ אַז דֶער רוּחַ הָאט דָאס דֶער זֶעהְן
הָאט עֶר זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶה גִיוֶוען
דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט דָאס גֶעהִיט אַלֵיין
גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט דְרוֹיף גִילֵייגְט אַ שְׁטֵיין
דֶער קַארְגֶער הָאט אִים גֶעהִיט גַאנְץ טַייעֶר
אוּנ עֶס הָאט דֶעם רוּחַ נִיט גֶעקָאסְט קַיין דְרַייעֶר

דֶער וָואס פֶערְגִינְט זִיךְ נִיט פוּן זַיינֶע פֶערְמֶעגִין
קַארְגְט עֶר דֶען נִיט פוּן דֶעם רוּחַ'ס וֶועגֶען ?

דִיא וַוארָאנֶע מִיט דֶעם פוּקְס

מֶען הָאט שׁוֹין פִּיל מָאל גֶעמוּסֶרְט דֶעם עוֹלָם
אוּנ אוּים גֶעוּוִיזֶען אַז חֲנוּפָה אִיז נִיט גוּט
עֶס הָאט אָבֶּער אַ מַאכְט וִויא דֶער לֵיימֶענֶער גוֹלֶם
אוּנ דֶער שְׁמֵייכְלֶער גֶעפִינְט אַ אָרְט יֶעדֶער מִינוּט.

דֶער וַוארָאנֶע הָאט גָאט אַ שְׁטִיקֶעל קֶעז בֶּעשֶׁערְט
זִיא הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּ גֶעגְרֵייט אָנְבֵּייסֶען עֶסִין
נָאר זִיצֶענְדִיג אוּיף דֶעם בּוֹים הָאט זִיא זִיךְ פֶערְקְלֶערְט
אִין דֶעם קֶעז הָאט זִיא זִיךְ גָאר פַארְגֶעסִין
דֶער וַוארָאנֶע הָאט זִיךְ אַזַא אוּמְגְלִיק גֶעטְרָאפִין
לֶעבִין אִיר אִיז אַ פוּקְס דוּרְךְ גֶעלָאפִין
דֶער רֵיחַ פוּן דֶעם קֶעז הָאט אִים אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט
עֶר קוּקְט אוּיף דֶעם קֶעז אוּנ הָאט גָאר אָנְגֶעקְוֶועלְט
עֶר אִיז צוּם בּוֹים צוּ גֶעגַאנְגֶען אוּיף דִיא נֵייגֶעל
דְרֵייט מִיט דֶעם וֵויידִיל אוּנ לָאזְט נִיט אַרָאפּ קֵיין אֵייגִיל
אוּנ זָאגְט צוּא דֶער וַוארָאנֶע זִיסֶע שְׁטִילֶע רֵייד
„אַךְ וָואס פַאר אַ טַייעֶר טַייבֶּעלֶע בִּיסְטוּ מַיין פְרֵייד
נוּא! וָואס פַאר אוֹיגֶעלַאךְ !
וָואס פַאר אַ הֶעלְזֶעל אַ שֵׁיינְס !
וָואס פַאר פֶעדֶערְלַאךְ !
וָואס פַאר אַ נֶעזֶעלֶע אַ קְלֵיינְס
אוּנ נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג אַלֵיין

גיהֶער דַיין שְׁטִימְמֶע אויךְ זַיין זֵייֶער שֵׁיין
זִינְג מַיין וֶועלְט אוּנ שֶׁעם זִיךְ נִיט
אוּנ אוֹיבּ דַיין שְׁטִימְמֶע אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גוּט
וָואלְסְטוּ זַיין אוֹיף אַלֶע פוֹיגְלֶען אַקֶעניגִין.
דִיא וַוארָאנֶע הָאט בֶּעקוּמֶען גְרוֹיסֶע פֶערְגְנִיגִין
פוּן דֶעם פוּקְס זִיסֶע רֵייד
עֶס הָאט זִיךְ אִיר דֶער קָאפּ פֶערְדְרֵייט
דִיא וָואלְיֶע אִיז פוּל גֶעוָוארֶען פוּן גְרוֹיס פְרֵייד
אוּנ אוֹיף דֶעם פוּקְס זִיסֶע פַּאחְוַואלִיךְ
הָאט זִיא אַ קְרַאקֶע גִיגֶעבֶּען,
דֶער קֶעז אִיז אַרוֹים גֶעפַאלִין,
אוּנ מַיין פוּקְס מַיין טַייֶער לֶעבֶּען
הָאט לַאנְג נִיט גֶעטְרַאכְט
אוּנ הָאט מִיט דֶעם קֶעז אַבַּיבְּרֵח גֶעמַאכְט.

דֶער דוּבּ מִיט דֶעם טְשֶׁערֶעט

דֶער דוּבּ מִיט דֶעם טְשֶׁערֶעט
הָאבִּין זִיךְ אַ מָאל צוּ רֶעדְט
„דוּא הָאסְט רֶעכְט וִויא דֶער טָאג אִיז קְלָאר
צוּא זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶער נַאטוּר,
אַזוֹי הָאט דֶער דוּבּ צוּם טְשֶׁערֶעט גִיזָאגְט
אַ קְלֵיין פוֹיגֶעלֶע אִיז דִיר אוֹיךְ שְׁוֶוער
דוּרְךְ דֶעם קְלֶענְסְטִין ווִינְטֶעל וֶוערְסְטוּ גִיפְּלָאגְט
דוּא שָׁאקִילְסְט זִיךְ נֶעבִּיךְ הִין אוּנ הֶער.

אָבֶּער אִיךְ בִּין אַשְׁטַארְקֶער סָארְט הָאלְץ
גְלַייךְ מִיט דֶעם קַאוְקַאז שְׁטֵייא אִיךְ שְׁטָאלְץ
אוּנ נִיט נָאר פוּן דֶער זוּן דִיא שְׁטְרָאלִין
טְהוּא אִיךְ מִיט מַיין הויךְ פֶערְשְׁטֶעלִין
נָאר אִיךְ הָאבּ קַיין מוֹרָא
פַאר דֶער גְרֶעסְטֶער בּוֹרֶע.
אִיךְ שְׁטֵייא הַארְט אוּנ גְלַייךְ,
וִויא אַרוּם גֶערִינְגֶעלְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶער זַאךְ,
אַ קְלֵיין וִוינְטֶעל הֵייסְט אַ שְׁטוּרֶעם בַּייא דִיר,
אוּנ פּוּנְקְט פַארְקֶערְט אִיז דָאס בַּייא מִיר.
דוּ זָאלְסְט חָאטְשׁ וַואקְסִין אוּנְטֶער מַיין גְדֶעכְטִין סָאטִין
וָואלְט דִיר דֶער שְׁלֶעכְטֶער וֶועטֶער נִיט גֶקֶענְט שָׁאטִין.
דִיא פְרִירָאדֶע הָאט אַייךְ אָבֶער אָפּ גִיטֵיילְט אַ אָרְט
וואוּ דִיא שְׁטַארֶקֶע וִוינְטִין הֶערְשִׁין דָארְט
זִיא הָאט אוֹיף אַייךְ קַיין רַחֲמָנוּת, אוֹיף מַיין וָוארְט״.
„אִיךְ זֶעה אַלֵיין, אוֹיף נֶאֱמָנוּת
אַז דוּא בִּיסְט אַגְרוֹסֶער בַּעַל רַחֲמָנוּת;
פוּן דֶעסְטְוֶועגִין נֶעם זִיךְ נִיט אַזוֹי צוּם הֶערְצִין.
פוּן דִיא בּוּרֶעם לַייד אִיךְ נִיט קַיין שְׁמֶערְצִין,
וָוארוּם אִיךְ טְהוּא מִיךְ נָאר בֵּייגִין
אָבֶער אִיךְ בִּין נִיט בְּרֶעכְלִיךְ;
אוּנ אִיךְ זָאג דִיר דֶעם אֱמֶת אִין דִיא אוֹיגִין
אַז נִיט עֶרְגֶער פוּן דִיר שְׁרֶעק אִיךְ זִיךְ.
דָאס אִיז וַואדְר אַז בִּיז אַ הֶער
הָאט דִיר נִיט גֶעשַׁאט דֶער שְׁלֶעכְטֶער וֶועטֶער
אוּנ פוּן זַיין קְלָאפּ
הָאסְטוּ נִיט אָן גֶעבּוֹיגֶען דַיין קָאפּ

נָאר וַוארְט נָאר אַ בִּיסֶעל אוֹיף
וֶועלִין מִיר זֶעהֶן דֶעם סוֹף.!"
דֶר טְשֶׁערֶעט הָט קוֹים אוֹס גְלָאזְט דָאס לֶעצְטֶע וָוארְט
אַךְ ! אַז עֶס חַאפְּט זִיךְ אוֹיף, אוֹיף יֶענֶעם אָרְט
מִיט הָאגֶעל מִיט דוּנֶערִין, אוֹיף דֶעם לֶעצְטִין טָאהְן
אַ צָפוֹן ווִינְט, וָואס מֶען רוּפְט אִים „אַקְווִילָאן"
דֶער דוּב הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעהַאלְטֶען פְּרִיער
דָאס טְשֶׁערֶעטִיל הָאט זִיךְ צוּ דֶער עֶרְד גֶעבֵּייגְט,
דֶער ווִינְט אָבֶּער הָאט זִיךְ גִישְׁטַארְקְט אָן שִׁיער
אוּנ הָאט אוֹיס גֶערִיסֶען אוּנ אַ נִידֶער גֶעלֵייגְט
דֶעם גְרוֹיסֶען בּוֹים דֶעם שְׁטַארְקֶען הָאלְץ
וָואס בִּיז דֶעם הִימֶל אִיז עֶר גִיוֶוען שְׁטָאלְץ

דִיא מוּזִיקַאנְטִין.

אַמָאל הָאט אַיין שָׁכֵן דֶעם צְווַייטֶען
צוּ זִיךְ אוֹיף אַ מָאהְלְצַייט גֶעבֵּייטֶען.
עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט דֶערִינֶען
גָאר אַ אַנְדֶער זִינֶען ;
דֶער ווִירְט הָאט גֶעלִיבְּט מוּזִיקֶע הֶערִין
אִיז דָאס בַּייא אִיהְם גֶעוֶוען אַ קֶרֶן
רוּפִין דֶעם שָׁכֵן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ
אִיהְם אוֹיךְ אָן טוּהְן דִיא לִיבּ.
דִיא מוּזִיקַאנְטִין הָאבֶּען אָן גֶעהוֹיבִּין זִינְגֶען

אַז עס האָט אַזש אין דיא אויערין געקלונגען ;
און דער מזמור איז געוועהן אַזוינער
וויא מען זאָגט, אויף שטיינער און אויף ביינער.
דער שרייעט, דער רייסט, דער ברילט
דעם שכנ'ס קאָפּ האָבען זייא פאַר דולט.
»איך בעט דיך מיין טייערער הער !
זאָגט דער גאַסט, וואָס איז מיט דיר דער מער ?
וואָס זאָל דאָ מיר עפּעס געפעלען
און פון וואָס קען מען דאָ אָן קוועלען ?
דיינע זינגערס רייסין דאָך אַזוי דעם אויער
און זינגען נאָר וויא אַ שיכּרער בויער ?«
—»דוא האָסט רעכט, זייא האָבין קיין שיין קול
זייא זענין פון זינגען גאַנץ ווייט
דאַגעגען נעמען זייא קיין משקה אין מויל
און זענין גאַנץ אָרינטלעכע לייט«.

און איך זאָג אַזוי : טדינק בעסער אַ סך
נאָר פער שטייא גוט דיין זאַך.

דיא וואַראָנע מיט דער הון.

אַז דר סמאָליענסקער קניאז האָט אַ נעץ פאַר שפּרייט
דיא שלעכטע פראַנצויזין דיא ערגסטע אין דר וועלט,
און האָט זייא דיא שטאָט מאָסקוואַ אָפּ געשטעלט
מען זאָל זייא דאָרט בעגראָבען שטילערהייד ;

זענען אלע איינוואוינער, פון קליין ביז גרויס
גיך און געשווינד פון מאסקווא הערויס.
איין ווארונע, זיצענדיג אויף דעם דאך
האט זיך, זאנפט, צו געזעהן די גאנצע זאך.
„נוא און דוא! ווען לאזט דו זיך אין וועג?"
פון דעם וואגען הערויס טוהט זיא די הון א פרעג,
מען זאגט דאך דאס דער פיינט געהט שנעל
און איז שוין נאהענט נעבען אונזער שוועל".
—נא וואס זשע גייט עס מיך אן?"
האט די ווארונע געגעבען א אנטווארט,
איך בלייב דא פעסט אויף מיין ארט;
איר היגער טוהט וואס איהר ווילט טוהן
ווארונעס, ניט מען קאכט, ניט מען בראט
קען מיר נאך זיין מיט אים גאנץ גוט.
עס קען נאך זיין פונקט פערקעהרט
מיט דעם גאסט א גוט לעבען בעשערט:
איך וועל באקומען פון אים א שטיקיל קעז,
א ביינדעל, אדער עפעס אנדערש וואס ס'איז.
אדיע, חאחלאטקע, א גליקליכער וועג!"
די ווארונע האט זיך טאקי אפ געשטעלט;
נאר אויף דעם ארט פון דעם נייעם פערמעג
פון דער נייער גוטער וועלט,
אז דער פיינט האט געליטין הונגער און פיין
האט זיך די ווארונע פאפאדעט אין א סוף אריין.

דער מענטש איז אויך אפט אזוי גענארט
אין זיין חשבון איז ער זעהר בלינד.

אָט, אָט, דַאכְט זִיךְ אִים, נִיט לַאנְג גֶעוואַרְט,
וֶוערְט עֶר רַייךְ גִיךְ אוּנ גֶעשְׁווִינְד ;
אַז עֶר קוּמְט אָבֶּער צוּ דֶער לֶעצְטֶער שׁוּרָה
וֶוערְט גִיוָואר דִיא לֶעכְטִיגֶע צוּרָה
אַז אִים אִיז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען קַיין פִּיטַאק
אוּנ עֶר בֶּעקוּמְט דֶער וַארָאנֶעם פְּסַק.

דָאס קֶעסְטִיל.

אָפְּט מָאל טְרֶעפְט זִיךְ אוּנְז זֶעהְן אַ זַאךְ
וָואס אֵיינֶער לֵייגְט אִין אִים אַרַיין כֹּחַ מִיט מֹחַ אַסַךְ
דָארְט וואוּ מֶען דַארְף זַיין בֶּעטְרַאכְט
אוּנ צוּטְרֶעטֶען דֶער צוּ גַאנְץ לַייכְט.

אַ קֶעסְטִילֶע הָאט מֶען גֶעבְּרַאכְט
צוּ אֵיינֶעם אַ פַּארְשׁוין
דִיא אַרְבֵּייט וַואר אַ פְּרַאכְט
אַנְטִיטְשֶׁנֶע שֵׁיין.
אִין דֶעם קֶעסְטִיל שְׁפִּיגֶעלְט זִיךְ יֶעדֶער,
דֶער וַייל גֵייט אַרַיין אַ הִין אִין חֵדֶר
אַ בְּרִיָה אַ מֶעחַאנִיק,
עֶר טְהוּט אוֹיף דֶעם קֶעסְטִיל אַ בְּלִיק
זָאגְט עֶר צוּ דִיא וָואס שְׁטֵייעֶן דָארְט :
„אִין דֶעם קֶעסְטִיל לִיגְט אַ סֶעקְרֶעט
יָא, עֶר הָאט קַיין שְׁלָאס, אוֹיף מַיין וָוארְט
אוּנ אִיךְ גֵייא אִין גֶעוֶועט

אז איך וועל אים געפינען
יא, יא איך בין גאנץ פער זיכערט דרינען
ניט לאכט נאר אזוי מיינע פריינד,
איך געפין זיין סעקרעט טאקי היינט
און עפין דאס קעסטיל אויף
איך האב גענוג געסטודירט דערויף,
דא האט ער זיך דער צו גענומען
וויא עס איז אים צו געקומען
ער דרייט דאס קעסטיל אהער און אהין
און ווייסט גאר ניט וואס זאל ער מיט איהם טהון
און דרייט זיך אוים דעם מארך מיט דעם מח.
אט טהוט ער אקוועטש דעם צוואך מיט כח
אט טהוט ער דעם סקאבליק אקלאפ
קוקענדיג אויף אים שאקעלט איינער מיט דעם קאפ
דיא שושקען זיך,
דיא לאכין אין זיך.
און עס הערט זיך מיין ניט אונטער זייא—
„ניט דא, ניט דארט, ניט אזוי, ניט אזוי:
דער מעכאניק ווערט ערגער בייז
עס האט אים אפ גיגאסען דער שוויים.
און האט דאס קעסטיל אפ גיראזט
פון זיינע הענט
עפינען דאס האט ער, בשום אופן, ניט גיקענט
און דאס קעסטיל עפינט זיך גאר פראסט.

דִּיא זְשַׁאבֶּע מִיט דֶעם אָקְס.

אַ זְשַׁאבֶּע הָאט אַ אָקְס דֶער זֶעהְן
אוּנ הָאט גֶעוואָלְט זִיךְ פֶּערְגְלַייכֶען מִיט אִים
זִיא אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאלְצִירִירִין גֶעוֶועהֶען
אוּנ שְׁלֶעפְּט אִין זִיךְ אַרַיין פִּיל אָטֶעם
„אַנָא אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי גְרוֹיס וִויא עֶר?"
זָאגְט דִיא זְשַׁאבֶּע צוּ אִיר שְׁוֶועסְטֶער,
„עֶס אִיז נָאךְ גַאנְץ וַוייט מַיין קִינְד.
„טוּא זְשֶׁע נָאר אַ קוּק, מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אַצוּנְד
אַז אִיךְ שְׁלֶעפּ אִין זִיךְ אַרַיין אַ סַךְ.ווִינְד
בִּין אִיךְ שׁוֹין בְּרַייט גֶעוואָרֶען? אַ גוּט?
„כְּמַעַט גְלַייךְ וִויא גָאר נִיט"
„נָא אוּנ הַיינְט?"
„דָאס אֵייגֶנְס מַיין פְרַיינְד!"
אוּנ מִיט וָואס הָאט זִיךְ גִיעֶנְדִיגְט דִיא זַאךְ?
זִיא הָאט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג גִיבְּלָאזִין דָארְט
אוּנ נִיט נָאר וָואס צוּם אָקְס אִיז זִיא נִיט גְלַייךְ
נָאר זִיא הָאט גֶעלָאפְּנִיט אוֹיף דֶעם אָרְט.

אַ קוּרַאט וִויא אִין דֶעם בַּייא שְׁפִּיל דֶעם שֵׁיינֶעם
הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעהְן נִיט אֵיינֶעם,
אוּנ וָואס אִיז דָאס פַאר אַ וואוּנְדֶער
צְווִישֶׁען הַיינְטִיגֶע קִינְדֶער?

אַז דֶער גֶעמֵיינֶער מְיֶעשְׁצַאנִין
ווִיל זַיין גְלַייךְ מִיט דֶעם גְרַאזְשְׁדַאנִין ;
אוּנ דֶער קְלֶענְסְטֶער עַם הָאָרֶץ
ווִיל זִיךְ לֶעבֶּען ווִיא אַ פָּרִיץ.

דִיא כַּלָה דִיא אִיבֶּער קְלוֹיבֶּערִין.

אַ חָתָן הָאט זִיךְ גִיזוּכְט דָאס מֵיידֶעל בַּת—שֶׁבַע
עֶס אִיז קֵיין חֵטְא אַזוֹי אִיז דֶער דֶרֶךְ הַטֶבַע
נָאר וָואס רֶעכֶען אִיךְ אִיר יָא פַאר אַ זִינְד
וָואס זִיא אִיז גֶעוֶוען זֶעהְר אַ שְׁטָאלְצֶעס קִינְד
זוּךְ אִיר אַ חָתָן עֶר זָאל זַיין קְלוּג אוּנ שֵׁיין
אַ וְואהל קֶענֶענֶעדִיגֶער אוּנ אוֹיךְ נִיט גֶעמֵיין
מִיט טְשִׁינֶען מִיט לֶעוָטִים אוּנ עֶר זָאל זַיין יוּנְג
הַכְּלַל עֶר זָאל הָאבִּין אִין זִיךְ אַלְסְדִינְג.
נָא, וואוּ זָשֶׁע קְרִיגְט מֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט
מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת אוּנ דֶער צוּ נָאךְ מִיט גֶעלְט ?
אוּנ פֶערְגֶעסְט נִיט אַז דֶער בַּייא
גֶעמְט נָאךְ אוֹיס מַיין כַּלָה אַזַא תְּנַאי :
דָאס דֶער מַאן זָאל זִיא לִיבֶּען אוּנ עֶהְרֶען
אוּנ פֶערְגֵייעֶן מִיט אַנְדֶערֶע אוֹיךְ נִיט ווֶערֶען.
עֶס אִיז זָאנַאר, זֶעהְר אַ גְרוֹיס וואוּנְדֶער
וָואס צוּ אִיר הָאבֶּען זִיךְ גִילָאזְט טַייֶערֶע קִינְדֶער
גִיצֵייכֶענְטֶע יוּנְגֶע לַייט גָאר אָן שִׁיעוּר
הָאבֶּען אִיר אָפּ גֶעקְלַאפְּט דִיא טִיר

נָאר אויף גוט קְלויבּין הָאט אוּנזֶער מֵיידֶעלֶע
טִיפֶּע גִיפִּיעלֶעז אוּנ גַאנְץ אֵיידֶעלֶע
אַנְדֶערֶע כַּלוֹת וָואלְטִין גִיגַאנְגֶען אוּנ גֶעזוּנְגֶען
פַאר אַזוֹינֶע פַיינֶע יוּנְגֶען
זַייא וָואלְטִין זַייא גִירֶעכֶענְט פַאר אַ שַׁאךְ
נָאר בַּת—שֶׁבַע—נִיזוּ הֶערְט זַייא אַלְץ ווִיא דִיא ־קאץ׳
אוּנ זַייא ווַייסְט אַלֵיין נִיט וֶועמִין
קֶען זַיא זִיךְ פוּן זַייא פַאר אַ חָתָן גֶעמֶען
דֶער אִיז אֲפִילוּ קְלוּג,—אִיז עֶר אָבֶּער נִיט שֵׁיין
דֶער אִיז שֵׁיין אוּנ קְלוּג אִיז עֶר אָבֶּער גֶעמֵיין
בַּייא דֶעם אִיז דִיא נָאז אַ בְּרֵייטֶע
בַּייא דֶעם אִיז דִיא אוֹיגֶען רוֹיטֶע
בַּייא דֶעם זֶענִין דִיא בְּרֶעמֶען צוּ גִידֶערְכְט
בַּייא דֶעם אִיז יֶענְץ נִיט רֶעכְט
בַּייא דֶעם אִיז דָא דָאס, אִיז יֶענְץ נִיט פֶערַאן
בְּקִיצוּר זַיא קֶען זִיךְ נִיט אוֹיס קְלוֹיבִּין קֵיין מַאן.
זַיא הָאט זִיךְ דִיא חֲתָנִים אַבִּיסִיל צוּ גִיגֶעסֶען
זֶענִין זַייא פוּן אִיר אַ פָּאר יָאר אָפּ גִיזֶעסֶען
נָאר אַנְדֶערֶע חֲתָנִים נִיט אַזוֹינֶע גִיהוֹיבֶּענֶע ווִיא פְּרִיער
הָאבֶּען זִיךְ אַצוּנְד גִילָאזְט צוּ אִיר.
„גַאנְץ פַיינֶע יוּנְגֶען זֶענִין זַייא אַלֶע!"
מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶעריל שְׁפְּרֶעכְט זִיךְ זֶעלְבְּסְט דִיא כַּלָה
„נֵיין זַייא הָאבֶּען נִיט אָן גִיטְרָאפֶען דָאס אָרְט
נִיט אִיךְ פַּאס פַאר זַייא, אוֹיף מַיין וָוארְט
אִיךְ הָאבּ אַסַךְ שֶׁענֶערֶע חֲתָנִים נָאךְ פְּרִיער
מִיט אַ פַּאקְלָאן בֶּעגְלֵייטֶעט צוּ דֶער טִיר
וֶועל אִיךְ דֶען פַאר דִיא קְנַאבֶּען פָּארִין

גְלַייךְ וִויא אִיךְ גְלוּסְט זִיךְ שׁוֹין פֶער מָאהְלִין
גֵיין, פוּן מַיינֶע יוּנְגְפֶערְלִיכֶע יָארֶען
טוּא אִיךְ וַוייט אוּנ בְּרֵייט אָן קְוֶועלֶען ;
אִין טַאנְצֶען וֶוערִין בַּייא מִיר דִיא טֶעג פֶערְבְּרַאכְט
אוּנ גַאנְץ בֶּעקְוֶועם שְׁלָאף אִיךְ מִיר דִיא נַאכְט
אוּנ אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ רֶעכְט בֶּעקְלֶערֶען
דַארְף אִיךְ דָאס אִין גַאנְצֶען גָאר נִיט גֶערִין.״
דִיא גִימֵיינְדֶע הֶערִינְדִיג, זָאלְכֶע אַנְטְוָוארְטִין
דְרֵייֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ שְׁטֶערֶער דָארְטִין
עֶס גֵייט אַוֶועק אַ יָאר אוּנ צְוֵוייא
מֶען זֶעהְט שׁוֹין נִיט אֵיינֶעם פוּן זֵייא
וָואס וַוייטֶער וֶוערְט זִיא רַייפֶער, עֶס אִיז שׁוֹין צֵייט
אוּנְזֶער בַּת-שֶׁבַע-נְיוֹן אָן קוּמֶען צוּ לַייט
אִיר אִיז אַרוֹיף אוֹיף אִיר זִינֶען
אִיבֶּער רֶעכֶענִין אִיהְרֶע פְרַיינְדִינֶען
(אוֹיף רֶעכֶענִין הָאט זִיא גֶענוּג צֵייט)
דִיא פְרַיינְדִין הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גִיהַאט
דִיא אִיז שׁוֹין אַ כַּלָה פוּן יֶענֶעם אָרְט
בַּייא יֶענֶער אִיז שׁוֹין לַאנְג גִיוֶוען אַ וָוארְט
נָאר בַּת-שֶׁבַע-לִין הָאט מֶען פֶערְגֶעסִין
זִיא קֶען שׁוֹין דָאס נִיט פֶערְעֶסִין
עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרַיין גִיחַאפְּט אִין הֶערְצֶען
טְרוֹיעֶר, בֶּערַייֶע אוּנ שְׁמֶערְצֶען;
דִיא שְׁלֶעכְטֶע צֵייט שְׁטוֹילְט אַלֶע טֶעג
פוּן אִיר שׁוֹינְהַייט, אִיר פֶערְמֶעג
אָט אִיז דֶער רוּמִיאַנֶעץ אַ רָאפּ פוּן גֶעזִיכְט
דָאס לֶעבֶּעדִיגְקֵייט בְּלַייבְּט נִיכְט

דִיא חֵן גְרִיבְּלַאךְ זֶענִין הִין גֶעקוּמֶען
דָאס פְרֵיילִיכְקֵייט צוּ גֶענוּמֶען
אַ צְוֵייא גְרָאֶע הָאר זֶעהְן זִיךְ שׁוֹין אַרוֹים
דֶער שְׁפִּיגֶעל זָאגְט עֶס אִיר אוֹים
אָהן אִיר אִיז אַמָאל גִיוֶוען קֵיין שֵׁיינֶע סָאבְּרַאנְיֶע
עֶס פְלֶעגְט זַיין אֵיינְג פוּן אִיר קָאמְפַּאנְיֶע
אָבֶּער אַצוּנְד
וֶועה אִיז אִיר אוּנ וֵוינְד
מֶען רוּפְט זִיא שׁוֹין שְׁפִּילֶען אִין בָּאסְטָאן*)
מַיין שְׁטָאלְצִירִין בַּייט שׁוֹין אִיבֶּער אִיר טָאהְן
זִיא הָאט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ אָן גִיהוֹיבֶּען פִּירֶען
אוֹיף גִיהֶערְט גָאר אִין גַאנְצֶען שְׁטָאלְצִירֶען
(אָט וִויא דָאס מֵיידֶעל קוּקְט קְרוּם אוֹיף דִיא מֶענֶער
פֶערְשְׁטֵייט זִיא פָּארְט אַז מִיט אוּנְז אִיז שֶׁענֶער.)
זִיא זָאל נִיט עֶנְדִין דִיא וֶועלְט עֶלֶענְד אַלֵיין
הָאט זִיא שׁוֹין אוֹיף גִיהֶערְט זָאגֶען „נֵיין״
זִיא אִיז שׁוֹין גִיוָוארֶען מָלֵא שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן
אוּנ אִיז גִינַאנְגֶען יֶעצְט פַאר דֶעם עֶרְשְׁטִין חָתָן
אוּנ הָאט זִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט צוּ גִיקוּקְט צוּ אִים
צְוַואר עֶר אִיז טַאקִי גִיוֶוען אַ בִּיסֶעל קְרוּם.

*) באסטאן איז א שפּיל אין קארטין וואס נאר אלטע מיידען שפּילען אין דעם שפּיל.

דער בארג פארנאם *)

אז מען האט פון גרעציע אלע געטער ארויס געטריבען
און אונטער די לייטין האט מען זייערע ערטער צוטיילט
איז דער בארג פארנאם פאר איינעם פערבליבען
וועלכיר אויף פאשין אייזלין האט ער אים אויסדערווייլט
פון וואנין האבין זייא געוואוסט, איך ווייס ניט, חלעבין
אז דיא מוזען זענין דא גיזעסין פריער,
ניט אומזיסט — זאגין זייא — האט מען ארויף גיטריבין
אויף דעם בארג פארנאם אונזער טהיער.
ווארום אז דיא מוזען זענין דא גיזעסין
האבין זייא זיך דער וועלט גוט איין גיגעסין
און האבין דיא אויערן פון אלע מענשען פארקלונגען
און אונזער הערר, קעהר וועלין הערין אונז זינגען.„
„זעהט זשע״—רופט זיך אן איינער—זייט נאר ניט פויל
שטעלט זיך ניט אפ און איך וועל עפינען מיין מויל
שעמען דארפען מיר זיך ניט, מיינע פריינד
מיר דארפין אונזער סטאדע בעשיינין היינט,
און אונזער קאהר וועט זיין זיכער
פון דיא ניין שוועסטער א סך העכער

---

*) דער בארג פארנאם איז אין גרעציע, און דיא גרעקין פלעגען גלויבען אז אויף דעם בארג געפינין זיך 9 שוועסטער געטינען וואס זייא האבען געוועלטיגט אויף מוזיקע, און זייא האבין געהייסען „מוזען״.

און כדי מיר זאלין ניט־קאליע מאכין אונזער קונטץ
מוז אזא ארדענונג איין געפירט ווערין ביא אונז
אין וועמעס קול קיין עזעל—געשמאק דערינין
זאל ער זיך אויף דעם פארנאס ניט געפינין."
דאס קלונג און שיין געפלוידערט ווארט
האט געפונין חן ביא אלע איזלען דארט
און האבין געשלאסען האלטען ווארט.
און דער נייער־קאהר האט פארפירט א ניגון
מיט אזא ווילדען געפילדער און מיט אזא גערודער
וויא א אבאז מיט הונדערט וועגען
מיט ניט געשמירטע רעדער.
מיט וואס־זשע האט זיך גיענדיגט דער געזאנג?
דער בעל הבית האט ניט גיקענט ליידען דעם קלאנג
איז ער גיוואָרען שטארק אין כעס
און האט זייא אראפ געטריבען פון דעם פארנאס.

איך האב גיוואלט דער מאנען א אלט ווארט
נאר דיא נארין
זאל דאס גאר ניט האָרין
אז דעם ליידיגען קאפ, העלפט ניט קיין הויך ארט.

דער בת קול

ערגיץ אין א קאפישצע איז גיוועזן א בילד דארטין
וואס ער פלעגט ענפערין פראפעטישע אנטווארטען

זַייגֶע עֵצוֹת זֶענֶען גִיוֶועֶן וִויא צוּקֶער זִיס
דֶער פַּאר אִיז עֶר פוּן דֶעם קָאפּ בִּיז אִין דִיא פִּיס
גִיוֶועֶן בֶּעהַאנְגֶען מִיט גָאלְד אוּנ מִיט רַייכְטְהוּם
אוּנ אָן גִיטָאן מִיט אַ רַייכֶען אַטַייעֶרִין קָאסְטְיוּם
אוּנ אִיז גִיוֶועֶן פֶערְוַואלְגֶערְט מִיט קָרְבָּנוֹת
מִיט פְּרָאשֶׁענְיֶעם מִיט וַויינְרַייךְ, מִיט מַתָּנוֹת
אוּנ אִין דֶעם בִּילְד הָאבִּין אַלֶע גִיגְלוֹיבְּט בְּלִינְד
פְּלוּצְלִים, וִויא גֶעשְׁרִיגִין, וִויא אוּנ וִוינְד ;
אָט דֶער טַייעֶרֶער אֶמֶת'ר אוּרַקוּל
אִיז גֶעוָוארֶען אַ שַׁקְרָן אוּנ אַ כַּזְבָן מִיט אַמָאל
עֶר עֶנְפֶּערְט זַייעֶר מְאוּם, אוּנ קְרוּם
אוּנ אַז אִימִיצֶער הָאט בֶּעדַארְפְט אָן קוּמֶען צוּ אִים
אִיז וָואס עֶר זָאגְט עֶפֶּעס אַזָוארְט
אִיז דָאס אַלִיגִין בַּאלְד אוֹיף דֶעם אָרְט
אוֹיף אִים הָאבֶּען זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אַלֶע לַייט
אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס בֶּעטַייט
וואוּ הִין אִיז הִין גֶעקוּמֶען זַיין גְרוֹיסֶע יְדִיעָה
וֶוער הָאט בַּייא אִים צוּ גֶענוּמֶען זַיין רוּחַ נְבוּאָה ?
אוּנ דִיא גַאנְצֶע זַאךְ לִיגְט דֶערִינֶען ;
דֶער בִּילְד אַלֵיין אִיז גִיוֶועֶן לֶעדִיר
נָאר אִין אִים הָאבֶּען זִיךְ פְּרִיסְטֶער גֶעפוּנֶען
וָואס זַייא פְּלֶעגִין עֶנְפֶערִין יֶעדֶען זַיין בַּאגֶער,
אוּנ אַזוֹי מַיין לִיבֶּער הֶער, בִּיז אַ הֶער
הָאט דֶער אוּרַאקוּל נִיט גִיזָאגְט קֵיין לִיגִין,
וַוייל אִין אִים אִיז אַ קְלוּגֶער פְּרִיסְטֶער גֶעלִיגִין.
אָבֶּער אַצוּנְד אִיז אִין אִים אַרַיין אַ דוּמֶער פְּרִיסְטֶער
אוּנ דֶער בִּילְד אַלֵיין אִיז דָאךְ אַ הָאלְץ אַ פּוּסְטֶער.

איך האב געהערט — צו איז דאס אמת — אז אמאל
איז געווען אזויגע סודיעס וויא דער אוראקול;
אז דער סודיא איז געווען גאר ניט קיין נאר
כל זמן ער האט געהאלטען א קלוגען סעקרעטאר.

דער קארענבלום

אין איין גידעכטען און פינצטערין וואלד
נאר וואס דער קארענבלום האט אן גיהויבען בליהען
אזוי גיך און באלד
האט ער אן גיהויבען וויאלען און חווארייען,
און האלט נעביך זיין קעפיל אין דער זייט
אוןווארט נעביך איבער קומען דיא שלעכטע צייט.
דער וויל זאגט דער בלום צום זעפיר *)
—„אך ווען עס זאל שוין גיבער ווערין טאג
און דיא שיינע זון זאל שיינען אויף מיר
וואלט זיא אפשר גיהאלפען צו מיין פלאג"
—„אך! ביסט דוא מיין פריינד, אגרוסער פערד!
זאגט צו אים דער זשוק, גראבינדיג דיא ערד,
דוא מיינסט אז דיא זון האט קיין אנדער ארבעט ניט
נאר צו קוקין זיך צו דוא וואקסט גוט
צו דוא פוילסט, צו גיין;

*) דאס קליינע ווינטיל

צו דוא צוויטעסט שיין, צו געמיין ?
מעגסט מיר גלויבען
ביי מיין לעבען
אז זיא האט דערויף קיין צייט,
אונ דאס איז אויך זייער ווייט
אז דיא זון זאל האבען לוסט
צו קוקין זיך וויא אזוי דוא ביסט.
ווען דוא זאלסט קענען זויא איך פליהען
אונ דיא גאנצע וועלט אוים זעהן
וואלסט דוא געוואוסט אז אלע פעלדער
אלע וויזען אונ אלע וועלדער
וואס זייא ליגין א הער אונ א הין
געמט זיך זייער גליק נאר פון דער זון.
מיט איר היץ דער ווארימט זיא אלע טענען
אונ מיט איר שונהייט טוט זיא בעשיינען
אלע שמעקינדיגע בלומען,
אונ בעקליידעט זייא מיט טייערע קאסטיומען
גאר וואסערע קווייטען גאר ניט דיין גלייכין,
זייא האבען אין זיך אזוינע טייערע זאכען,
וואס דיא צייט אליין
שניידט זייא מיט גיוויין !
אבער דוא ביסט דאך זייער געמיין
ניט שמעקענדיג אונ ניט שיין !
דאקוטשע זשע ניט דער זון, ווארום אין קיין פאל
וועט זיא דיר ניט געבען זאגאר, איין שטראל
אומזיסט בעטין ניט עפין גאר דיין מויל
אט שווייג בעסער אונ פויל ! "

נָאר וִויא בַּאלְד דִיא זוּן אִיז אַרוּים אוֹיף דֶער וֶועלְט
הָאט דִיא גַאנְצֶע פְרִירָאדֶע פוּן אִיר אָן גִיקְוֶועלְט,
צוּ אַלֶע קְוֵויטֶען הָאט זִיא אִירֶע שְׁטְרַאלֶען גִישִׁיקְט
אוּנ הֶער אָרוּמֶער וַואסִילָאק וָואס אִין אֵיין נַאכְט
אִיז עֶר גֶעבִּיךְ גִיוָוארֶען אַזוֹי פֶערְשְׁמַאכְט
הָאט זִיךְ מִיט דֶער זוּן גָאר הֶער קְוִויקְט.

אָ ! אִיר גֶעהֵייבֶּענֶע לַייט
וָואס אִיר הָאט גְרָאד אַ גוּט שְׁטִיקֶעל צַייט,
נֶעמְט אַייךְ פוּן דֶער זוּן אַ פְּרִימֶער ;
טוּהְט נָאר אַ קְלֶער
אַז אִיטְלֶעכְם אָרְט
וואו אִיר שְׁטְרַאל דֶער לַאנְגְט נָאר דָארְט
טוּהְט זִיא גוּטְץ אַלֶעמִין גְלַייךְ
אָרוּם אוּנ רַייךְ
אוּנ וואו הִין זִיא טוּהְט אַ בְּלִיק
דָארְט אִיז פְרֵיילִיכְקֵייט אוּנ גְלִיק
דְרוּם בְּרֶענְט אִיר בִּילְד וִויא אַלֶעכְטִיגֶער קְרִישְׁטָאל
אִין דִיא הֶערְצֶער פוּן אַלֶע מֶענְטְשֶׁען
אוּנ יֶעדֶער מָאל
טוּהְט זִיא אִיטְלִיכֶער בֶּענְטְשֶׁען.

דֶער וַואלְד מִיט דֶעם פַייֶער.

פְרַיינְד קְלוֹיבִּין דַארְף מֶען מִיט שֵׂכֶל אוּנ מִיט זִינֶען ;
נִיט נֶעמִין וֶועלְכֶע וֶועלִין נָאר צוּ דֶער הַאנְד קוּמֶען.

וואָרום אַז דער פריינד האט נאר זיך ליב
גראבט ער פון דיינעט וועגען אַ טיפע גרוב.
דוא וועסט האבען אין דרינען מיין געפיהל
אַז דוא וועסט הערען מיט קאפ מיין בייא שפיל.

אַ פייעריל האט זיך געברענט נעבען וואלד,
עס איז קלאר גיבליבען ליגען פון דיא קויפם לייט,
דיא מעשה איז גיוועזן אין אסיען צייט,
דרויסין איז גיוועזן שטארק קאלט,
דאס פייעריל איז גיוועזן זייער קליין
ניט דא קיין האלץ, וואס ווייטער ווערט דאס גימיין
און וויא דאס פייעריל האט זיין ענדע גיזעהן
זאגט ער צום וועלדעל כמעט מיט אַ געוויין;
«פאר וואס ביסט דוא אַזוי אומגליקליך אויף דר וועלט
דוא האסט קיין בלעטיל און פריערסט פון קעלט?
דוא ביסט נאקיט וויא דיא מאמע האט דיך גיהאט
דיך איז היינט גאר ניט צו דער קענען כמעט״.
—„וואס פרעגסט דוא?, ווייל איך שטייא
אַגאנץ ווינטער אין גאלע שנייא
און דיא זאך איז דאך גאר פראסט;
ווינטער קען איך ניט בליהען איבער דעם פראסט״.
אַזוי האט גיענטפערט צום פייער דער וואלד,
דער קאנטשיט ווייטער דער פייער זיינע רייד
„איך קען דיר העלפען צו דיין לייד
איך בין דער זונס אַברודער, און אום ווינטער
בין איך אויך פון דער זון ניט דער אונטער.
פרעג נאר אין דיא טעפליצים מכח מיר;

וִוינְטֶער וֶוען עֶס לִיגְט שְׁנֵייא נָאר אָן אַ שִׁיעוּר
בְּלִיהֶען אוּנ צְווִיטֶען דָארְט
בְּלוּמֶען פוּן יֶעדֶער סָארְט
אוּנ וֶוער הָאט דָאס אַלְץ גִימַאכְט ?
אַדַאנְק מִיר, מִיט מַיין מַאכְט.
חָאטְשֵׁיא, עֶס אִיז נִיט שַׁיין זִיךְ לוֹיבֶּען
אִיךְ הָאבּ דָאס פַּיינְט, אִיךְ זָאל אַזוֹי לֶעבֶּען
נָאר אִין כֹּחַ וֶועל אִיךְ דֶער זוּן נִיט אָפּ טְרֶעטִין.
דִיא זוּן הָאט דָא גֶעבְּטֶען גִישַׁיינְט אַ גַאנְצֶען טָאג
אוּנ הָאט דֶעם שְׁנֵייא נִיט פְּרִיטְשִׁינַייֶעט קַיין פְּלָאג ;
דֶער שְׁנֵייא הָאט פוּן דֶער זוּן גָאר נִיט גִילִיטֶען
אוּנ אַרוּם מִיר אִיז צוּ גַאנְגֶען דֶער שְׁנֵייא,
הַיינְט סֶערְדְצֶע הֶער צוּ מַיינֶע רֵייד אוּנ פֶערְשְׁטֵייא
וֶוען דוּא וִוילְסְט אוּם וִוינְטֶער אוֹיךְ בְּלִיהֶען
גִיבּ מִיר בַּייא דִיר אַ אָרְט אוֹיף אָפּ רוּהֶען ! »
גִיעֶקְט אַ גִישֶׁעפְּט, גִיקְנִיפְּט אַ בּוּנְד
אוּנ מַיין פַייֶערִיל אִיז גִיךְ אוּנ גִישְׁווִינְד
גִיוָוארֶען אַ גַאנְץ גְרוֹיסֶער פַּייֶער
עֶר שְׁלָאפְט נִיט, בַּייא אִים אִיז אַ מִינוּט טַייֶער
עֶר הָאט פַּיינְט אִין גִישֶׁעפְט זִיצְ׳ן אוּנ שְׁוַויינֶען
עֶר פְלִיהְט אַרוּם אִיבֶּער אַלֶע צְוַויינֶען
מֶען זֶעהְט נָאר אַ שְׁווַארְצֶען רוֹיךְ
הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף גַאנְץ הוֹיךְ.
אוּנ גִיךְ אוּנ בַּאלְד
הָאט עֶר אַרוּם גִינוּמֶען דֶעם גַאנְצֶען וַואלְד
דֶער גַאנְצֶער וַואלְד גֵייט צוּם גְרוּנְד.
אוּנ דָארְט וואוּ אִין דִיא גְרוֹיסֶע הִיצֶען

פלעגין זיך דיא דורך גייער אין זיין שאטן באשיצען
געפינען זייא נאר אפ גיברענטע פענקים אצונד.

קיין גרויסער וואונדער איז דאס ניט א פנים
וויל האלץ מיט פייער זענען קארגע מחותנים.

דער טשיז מיט דעם קראט.

דער טשיז וואס האט זיך ליב זיין אליין
איז זיך גיזעסען אין זיין נעסט אויף דעם הויכין בוים
און האט זיך צו גיזונגען פריה בעגינען
ניט ער זאל דער פון א פאחוואל פערדינען
אדער צו ליב א אנדער ציעל
נאר עפעס אזוי האט ער זיך גיזונגען שטיל.
דער וייל האט זיך דיא זון מיט איר גאנצער לויב
פון אונטער דיא ימים גיטאן א הייב
און האט גיבראכט א נייא לעבין אויף דער וועלט,
אט דא האט זיך א נייער קאר צו נויף גישטעלט
און אלע פויגילאך האבען סאסטאוועט אין איינעם
צו ליב דער זון א מארש א שיינעם.
אז די גאנצע וועלט איז מיט זייער זינגען גיווארען פולי
נאר דאס טשיזיקיל איז גיווארען שטיל.
„פאר וואס ? פרעגט דער קראט. ביסטו מיין קינד
אנשוויגען גיווארען גראד אצונד ?
—ווייל מיין קול איז זייער גימיין—

האט געענפערט דער טשיז במעט מיט א געוויין
„אונ איך טוא אין זיך גוט שפירין
אז ניט מיט אזא קול קען איך דיא זון גראטולירין.״

מיין הערץ טוהט מיר אויך זייער וויא
וואס איך האב ניט „פינדארס״ ליירע
ווען איך זאל אבער אויך קענען אזוי
וואלט איך דעם קייזער גימאכט א שירה.

דער וואלף מיט דעם שעפעלע.

דער שלאפער מוז אוים קומען תמיד וויגאוואט
אז ער האט מיט דעם שטארקין א גישעפט גיהאט.
אין דער היסטאריע איז דא א סך אזוינע פרימיערין
נאר היסטאריעס שרייבען זענין מיר ניט גערין;
נאר דער משל דער ציילט אונז אזוי דיא זאך:

איין מאל אין אשטארק הייסין טאג
איז א שעפעלע גיגאנגען טרינקין צום טייך
דארף זיך דעם שעפעלע מאכען אזא פלאג;
אז א הונגריגער וואלף זאל זיך דרייען דארט
אונ וויא ער האט דער זעהן דם שעפעלע ביים בארט
האט ער גיווארפין אויף דעם זייער א בייזען בליק
אונ כדי ער זאל פערגיין מיט א שטיק;
האט ער א גישרייא גיגעבען, „אך! דוא הונד

ווי סמיעסט דו, ניט ווירדיגער, מיט דיין שמוציגין מונד
מוטין מיין ריינעם טרונק מיט זאמד אונ מוטקייט
פאר אזא פרעכהייט באקומסטו בא מיר דעם טויט."
—"ווען דר איידעלער וואלף זאל מיר עפיס ריידן ערלויבן
וואלט איך זיך אסמיעליוויט דיר זאגין, חלעבין.
אז בעת איך האב גיטרונקין האב איך זיך אפ גיהיט
דער ווייטערן פון דיר א הונדערט טריט
אונ גאר אומזיסט האסטו זיך צו מיר מיט כעס גיווענט
ווארום קילייצין דיין וואסער הב איך גאר ניט גיקענט".
—"זאג איך, הייסט דאס, אפנים, א ליגין?
האסטו גיהערט אזא פרעכהייט אויף דר גאנצער וועלט?
דאס איז א פנים נאך קארג פון דיינט וועגן
וואס דוא האסט זיך זייער ניט שיין אויס גישטעלט
אונ נאך פאר א יארען זומער דא אויף דעם ארט
האסטו דוא מיך גיזידילט מיט א שלעכט ווארט.
איך וועל דאס דיר ברודער, אייביג ניט פערגעסין
איך קען דאס ניט פערשלאפען אונ ניט פערעסען."
—"האב רחמנות! זאגט דאס שעפעלע שטייטש גוואלד
איך בין דאך בסך הכל קיין יאר ניט אלט!"
—"איז דאס אוודאי דיינער א בראט!"
—"איך האב קיין מאל קיין ברודער ניט גיהאט!"
—"איז דאס דיינער א קרוב, א מחותן גיוועזן;
מיט איינעם ווארט, איינער פון דיינע פריינד
אייערע הינד, אייערע הירטין, איר אליין
איר אלע האט מיך זייער פיינד
איינער פון אייך איז ניטא קיין רעכטס
אונ ווען איר קענט טוהט איר מיר שלעכטס

נָאר פַאר אַלֶע זַייעֶרֶע זִינְד
וֶועל אִיךְ זִיךְ מִיט דִיר צוּ רֶעכִינֶען אַצוּנְד. "
—„אַךְ, אִיךְ מִיט וָואס הָאבּ גִיזִינְדִיגְט קֶענֶען דִיר ? "
—„ וֶוער פֶערְשְׁטוּמְט ! אוּנ הֶער אוֹיף רֵייךֶען מִיט מִיר
אִיךְ בִּין שׁוֹין מִיד הֶערִינְדִיג דֵיינֶע רֵייד !
אִיךְ הָאבּ צַייט צוּ עֶרְקוּנְדִיגֶען דֵיינֶע זִינְד ?
דוּא בִּיסְט שׁוּלְדִיג דֶער מִיט אַלֵיין, דוּא הוּנְד ;
וָואס דוּא הָאסְט מִיךְ גִימְרָאפִין הוּנְגְרִיגֶער הֵייד !"
אוּנ וִויא עֶר הָאט אוֹיס גִירֶעט דָאס וָוארְט, זָא בַּאלְד
הָאט עֶר פֶערְשְׁלֶעפְּט דָאס שֶׁעפֶעלֶע אִין וַואלְד.

דִיא מַאלְפֶּעס.

אִיבֶּער נֶעמֶען אַ זַאךְ מִיט שֵׂכֶל אוּנ מִיט זִינֶען
אִיז קֵיין וְואוּנְדֶער אַ נוּטְץ גֶעפוּנֶען
נָאר אָן שֵׂכֶל יֶענֶעם נָאךְ טוּהְן
קֶען דָאס פֶּערְפִירֶען דֶער רוּחַ וֵוייסְט וִויא הִין ?
אִיךְ וֶועל בְּרֵיינְגֶען דֶער צוּ אַ בֵּייא שְׁפִּיל
פוּן *) פֶערְנֶע וִויא מַאלְפֶּעס זֶענֶען דָא פִּיל.

וֶוער עֶס אִיז אִין דִיא מַאלְפֶּעס גִינִיט
דֶער וֵוייסְט זֵייעֶר נַאטוּר גַאנְץ גוּט
אַז דָאס פָאלְק

---

*) פון דער ווייט

ליעבט נאך טוהן אן מאלקי.
אין אפריקע וואו זייא פינדען זיך אסך
האט זיך אמאל גיטראפען אזא זאך:
מאלפים א 1) מענגע זענען אויף א בוים גיזעסען
אויף דיא 2) אסטען אונ אויף דיא צווייגען
שטילער הייד זענען זייא זיך גיזעסען
אונ קוקין אויף דעם יעגער אונ שווייגען
וויא ער דרייט זיך ארום אונ ארום
אויף דיא נעצין גלייך אונ קרום
דא טוהט יעדע פון איהנען א שטייס
דיא אנדערע פריינדען אין איר שייס
אונ שעפשיט איר אין אויער שטילער הייד
מיט אזא שמחה אונ מיט אזא פרייד,
„טוא נאר שוועסטער לעבען א בליק
אויף זיינע קאמעדיאנסקי שטיק !
וואס זאגסטו אויף דעם פיינעם יונגען מאן !
צו זיינע קונצין איז קיין ענדע פאראן ?
אט קייקעלט ער זיך צו נויף וויא איין איי
אונ אט ציעט ער זיך אויס גלייך וויא א שטרייא
אט מאכט ער פון זיך גאר א קנויל
אז מע זעהט ניט ארויס קיין הענד ניט קיין פים
אויף אזוינע זאכען זענען מיר דאך ניט פויל
דיא מלאכה איז דאך אונז צוקער זים.

---

1) א סך

2) דיא סוקעס

אִיז=זְשֶׁע דֶען בַּייא אוּנְז
דִּיא מְלָאכָה מַאכֶען אַ קוּנְץ ?
אַ נָא מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע שְׁוֶועסְטֶער
נָאךְ טוּהְן אִים אִיז דֶער פְּלַאן דֶער בֶּעסְטֶער
יָא יָא, דָאס אִיז גַאנְץ גְלַייךְ אוּנ קְלוּג !
עֶר הָאט דַאכְט זִיךְ שׁוֹין אָן גִישְׁפִּילְט גֶענוּג
פִּלַייכְט וֶועט עֶר שׁוֹין בַּאלְד אַוֶועק גֵיין
דֶענְצְמָאל וֶועלֶען מִיר אַנְפַאנְגֶען . . . "
זַייא זֶעהְן, עֶר אִיז טַאקִי אַוֶועק גִיגַאנְגֶען ;
אוּנ דִּיא נֶעצִין אָפּ גִישְׁטֶעלְט פוּן זַייעֶרְט וֶועגִין אַלֵיין.
„נָא ! זָאגֶען זַייא, נָאךְ וָואס זָאלֶען מִיר אָן וֶוערִין צַייט
מֶע דַארְף זִיךְ נֶעמֶען צוּ אוּנְזֶער אַרְבַּייט ! "
דֶער יֶעגֶער הָאט צוּ לִיבּ זַייא
פַאר שְׁפְּרֵייט אַ סַךְ נֶעצִין אַלֶערְלֵייא.
נָא אַז מַיינֶע מַאלְפִּים הָאבִּין זִיךְ אָן גְהֵייבֶּען פְרֵייֶען
אַרוּם לוֹיפֶען, אַרוּם וויקְלִין אוּנ זִיךְ אַרוּם דְרֵייֶען
אוּנ שְׁרַייֶען אוּנ קְווִיטְשֶׁען אַזוֹי וִויא דִּיא קֶעץ
אַרוּם לוֹיפִנְדִיג אִין דֶער נֶעץ.
מִיט אֵיינֶעם וָוארְט ! עֶס אִיז בַּא זַייא אַגַאנְצֶע פְרֵייד.
נָאר וֶוען זֶענֶען זַייא גִיוָואר גִיוָוארֶען פוּן זַייעֶר לֵייד ?
אַז זַייא הָאבֶּען גִיוָואלְט פְרִייוֶוען פוּן דֶער נֶעץ אַרוֹים
עֶרְשְׁט דַאן הָאבֶּען זַייא גִיזֶעהְן ווִי דִּיא צָרָה אִיז גְרוֹים !
דֶער וַוייל הָאט דֶער יֶעגֶער גַאנְץ גוּט גִיהִיט
אוּנ הָאט זִיךְ דֶער וַוארְט בִּיז דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט.
אוּנ אַז עֶר הָאט דֶער זֶעהְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין צַייט,
אִיז עֶר גִיקוּמֶען מִיט זֶעק נָאךְ דִּיא קְלוּגֶע לַייט.
זַייא הָאבֶּען אֲפִילוּ גִיפְּרִיווּט אַרוֹים לוֹיפִין

פון דער גרוסער צרה זיך אוים קויפען
זייא האבען אבער ניט גיקענט
און דער יעגער האט זייא גיזאמעלט מיט דיא הענט.

דער פויגעל סיניצע.

דיא סיניצע האט זיך אראפ גילאזט אויף דעם ים
און האט זיך אן גיהויבען שטאלצירען
אז זיא וועט דעם ים פערברענין און איבער פירען.
און אזא זאך האט מן הסתם
ניט גיווערט גאנץ לאנג
און עס איז ארוים אויף דער וועלט דער קלאנג.
עס האט אן גיחאפט א שרעק דיא וואסער וואוינער
עס האט אויף זייא גיציטערט דיא הויט און די ביינער.
דיא פויגלען פליהען הערדים וויים
אן קוקין אזא וואונדערליכען נייס
און אלע טהירען פון דעם וואלד
זענען גיקומען צו פליהין גיך און באלד
זייא פליהין וויא ווייט זייא קענען
זעהן א חידוש וויא דער ים וועט ברענען.
מע דער ציילט נאך דיא מעשה פון דער סיניצע,
דאס האבען דער ציילט פייגלען א גאנצע ווערעניצע.
אז דיא וואס האבען ליב לעקין דיא טעלער
זענען גיקומען צו לויפען גיבער און שנעלער.
פריער פאר אלע זענען זייא גיקומען

אוּנ אִיטְלִיכֶער הָאט מִיט זִיךְ אַלֶעפִּיל גִינוּמֶען
מֶע זָאל פֶּערְזוּכֶען פוּן דֶעם אַנְטִיק,
וָואס אֲפִילוּ דֶער מִילְדֶער אָטְקוּפּשְׁטְשִׁיק
הָאט אוֹיךְ אַזַא פִּישׁ אוֹיךְ נִיט גִינֶעבֶּען
זִינְט עֶר לֶעבְּט אוּנ וַוייל עֶר וֶועט לֶעבֶּען.
דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ שְׁטַארְק צוּ נוֹיף גִישְׁפַּארְט,
זֵייא שְׁוַוייגֶען שְׁטִיל אוּנ הָאבֶּען נָאר גִיוַוארְט
אוּנ יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער
וָואלְט גִיגֶערְן פְרִיעֶר זֶעהְן דֶעם וואוּנְדֶער.
נִיט אָפְּט טוּהְט יֶעמַאנְד אַ שֶׁעפְּשֶׁע אַ וָוארְט
„אָט בְּרֶענְט דֶער יַם, דָארְט אוּנ דָארְט!
נָאר דֶער יַם בְּרֶענְט אָבֶּער נָאךְ נִיט.
הָאט עֶר שׁוֹין חָאטְשׁ אָן גִיהוֹיבֶּען זִידִין? נֵיין!
דֶער עוֹלָם מוּז אָן הֵייבֶּען בִּיסְלַאךְ וַויים צוּ גֵיין.
מִיט וָואס הָאט אָבֶּער דִיא סִינִיצֶע גִיעֶנְדִיגְט?
זִיא אִיז נֶעבִּיךְ בְּחֶרְפָּה אַ הֵיים אַוֶועק גִיפְלוֹיגֶען
אוּנ הָאט זִיךְ גִישֶׁעמְט אוֹיף עֶפִּינֶען דִיא אוֹיגֶען.
זִיא הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ גְרוֹיסֶען פָּאחְוַאל
אוּנ דֶער יַם בְּרֶענְט נִיט אִין קֵיין פַאל.

אִיךְ וִויל נָאךְ צוּ מַיין בַּאסְנֶיע אוּים פִּירֶען
נָאר אִיךְ זָאל חָלִילָה קֵיינֶעם נִיט אָן רִירֶען
אַז מִיט דֶער דָאזִיגֶער זַאךְ
וָואס זִיא הָאט נָאךְ קֵיין עֶנְדֶע גִינוּמֶען
אִיז זֵייעֶר נִיט גְלַייךְ
מִיט אִיר זִיךְ בַּארִימֶען.

דָאס אֵייזִיל.

אַז *) יוּפִּיטֶער הָאט בֶּעזֶעצְט אוּנ צוּ שְׁטֶעלְט
אַלֶע זַיינֶע בְּרוּאִים אוֹיף דֶער וֶועלְט.
אִיז אִים דֶער אֵייזִיל אוֹיךְ אַבַיין אִין זִינֶען
צוּ עֶר אִיז גִיוֶוען גֶערִין דֶערִינֶען ?
אָדֶער בְּעֵת מַעֲשֶׂה, צוּ זָאל אִיךְ זָאגֶען
אִיז עֶר גִיוֶוען אֶפְשַׁר צוּ טְרָאגֶען
אַ קַשְׁיָא אִין אִימְפֶּעט וָואס קֶען גֶעשֶׁעהְן ?
דֶער מַלְאָךְ פוּן וָואלְקִין קֶען אוֹיךְ פֶערְזֶעהְן
אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אוֹיס גִיגָאסֶען אַ אֵייזֶעלֶע כִּמְעַט
וִויא אַ קְלֵיין וֶועוִורִיקֶעל הָאט עֶר אַ פָּנִים גִיהַאט
קֵיינֶער הָאט אִים גָאר נִיט בֶּעמֶערְקְט.
דֶער אֵייזִיל הָאט אֲפִילוּ גִיוָואלְט שְׁטָאלְצִירִין
נָאר מִיט וָואס ? גָאט הָאט אִים אַזוֹי קְלֵיין גִיוֶוערְקְט
אַ שַׁאנְד אָבֶער וַוייזִין זִיךְ צְוִוישֶׁען דִיא טְהִירִין.
נָא מַיין טַייעֶר עֶזֶעלֶע מַיין שְׁטָאלְצִירֶער
הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען בֶּעטִין דֶעם וֶועלְט פִירֶער
עֶר זָאל זַיין צוּ אִים אַזוֹי גוּט אוּנ מִילְד
עֶר זָאל אַבִּיסִיל פֶּערְגְרֶעסֶערִין זַיין בִּילְד.

---

*) יופיטער מיט זעוועס וועלכע ווערין דער מאנט אין דעם בייא שפיל
זענען געוועהן בילדער, וועלכע א מאליגע היידען האבען געגלויבט אז זייא
זענין געטער.

„האב רחמנות ! הייבט ער אן זאגען
וויא אזוי קען איך אזא שלעכטס אויס טראגען
דיא לייבען העלפאנדין אונ בערין
טוהט איטליכער שאצין אונ עהרין.
פון גרויס ביז קליין טהירען אלערלייא
טהוט מען מיין ניט נאר מען רעדט פון זייא
נאר צו אונז אייזלען ביסטו אזוי שלעכט
ניט קיין עהרע ניט קיין פרעכט
מיר הערען ניט אפילו איין גוט ווארט.
דוא זאלסט אבער מאכען אונזער סארט
צוואר וויא א קעלביל דיא גרויס
אונ מיט מיין שטאלץ פון פאר אויס
וואלט איך מיך געררייצט מיט לייבין אונ מיט בערין
אונ מען וואלט מיך אויך אן גיהויבען עהרין.״
עס געדהט אוועק א טאג מיט א טאג
אונ דאס אייזיל קלאגט אלץ זיין איינציגע קלאג.
אונ דער ציילט דעם זעוועס זיין קלאפאט
אונ האט אזוי שטארק דער קוטשעט דעם גאט
אז ער האט שוין זיין תפלה אן גינומען
דער אייזעל האט א אנדער בילד באקומען
שיעור אזוי גרויס וויא א אפערד
אונ דער צו א ווילד קול א אום געלומפערט
האט אים גאט נאך אויך צו גיגעבען
אז אלע טהירין האבען גיציטערט פאר זייער לעבען
אונ עס האט זיך אויף גיהויבען א געוואלד
אונטער דיא טהירין פון דעם גאנצין וואלד ;
וואס איז דאס עפעס פאר א סארט טהיר ?

פון וואס פאר א געשלעכט קומט ער הערוים ?
איך מיין ער האט ציין ! גאר אן שיעור
זיינע הערנער גיהערען זיין גרוים !
אונ מען הערט נאר א געפילדער
פון דער חיה פון דער ווילדער,
וואס זשע איז אבער גיוועזן דער קאנייעץ ?
עס איז ניט אוועק גיגאנגען קיין גאנץ יאר
אונ דיא מהירין האבען דער קענט מיין מאלאדיעץ
אז ער איז א עזעל גאר אונ גאר
אונ מיט זיין נאמען רופט מען דעם נאר דעם שטאלצירער
אונ מיין עזעלע איז גיוואָרען א וואסער פירער.

אין אלסדינג איז מער בעסער
וואס קומט אבער הערוים דעם נאר אז ער איז גרעסער.

דיא מאלפע מיט דיא ברילען

א מאלפע איז גיווארען שלאף אויף דיא אויגען
אונ פון מענטשען האט זיא גיהערט ריידען
אז אויגען ווייטאג איז האלבע ליידען
דער צו קענען נאך ברילען טויגען.
אז זיא איז געוואר גיווארען פון אזא נוטץ
האט זיא אויף גיהערט פיל קלערען
אונ האט גיקריגען ברילען א האלב טוץ

און לֵייגְט זֵייא צוּ צוּם שְׁטֶערְין
און דְרֶעהְט זֵייא אַ הִין אַ הֶער וִויא אַ דְרֵיידֶעל
אָט גִיזְשֶׁעט זִיא זֵייא אוֹיף אִיר וֵויידֶעל
אָט טְהוּט זִיא זֵייא אַ שְׁמֶעק
אָט טְהוּט זִיא זֵייא אַלֶעק.
זֵייא טוֹיגֶען אִיר אָבֶּער גָאר נִיט
שְׁלֶעכְט, שְׁלֶעכְט. עֶס אִיז גָאר נִיט גוּט.
„טְפּוּי! אִין אַלֶע שְׁוַוארְץ יָארֶען"
זָאגְט דִיא מַאלְפֶּע מִיט גְרוֹיס צָארֶען
דֶער אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹסֶער דוּרַאק
וֶועלְכֶער הֶערְט צוּ דֶעם פְּלוֹידֶערְזַאק
אַלֶע מֶענְטְשֶׁען וִויא דִיא הִינְד בִּילֶען
מִיט דֶעם נוּטְץ פוּן דִיא בְּרִילֶען
און קֵיין נוּטְץ אִיז פוּן זֵייא נִיט דָא אוֹף אַיין הָאר.
גֶעהְן זָאלֶען זֵייא צוּם שְׁוַוארְץ יָאר."
און מַיין מַלְפֶּע אִיז גִיוָוארֶען בְּרוֹגֶז צוּם סוֹף
און שְׁטֵייט מִיט אַזַא כַּעַס אוֹיף
אַז זִיא הָאט זֵייא אַוָּוארְף גִיגֶעבֶּען אָן אַ שְׁטֵיין
עֶס אִיז נִיט גִיבְּלִיבֶּען פוּן זֵייֶער גֶעבֵּיין

וֶוען מִיר וֶועלֶען טוּהְן אַ וַואהְרֶען בְּלִיק
אִיז צְווִישֶׁען מֶענְטְשֶׁען אוֹיךְ דֶער אֵייגֶענֶער אוּמְגְלִיק
וֶוען דֶער נַאר וֵייסְט נִיט דִיא וֶוערְט פוּן דֶער זַאךְ
זָאגְט עֶר אַז זִיא אִיז נִיט גְלַייךְ
וֶוער שְׁמִיעֶסְט אַז דֶער נַאר הָאט נָאךְ גֶעלְט
טְרַייבְּט עֶר דִיא זַאךְ הֶערוֹיס פוּן דֶער וֶועלְט.

צְווֵייא טוֹיבֶּען.

צְווֵייא טוֹיבֶּען הָאבֶּען גִילֶעבְּט זֵייעֶר גוּט
אֵיינֶער אָן דֶעם אַנְדֶערִין, נִיט אֵיין מִינוּט.
נִיט גִיטְרוּנֶקֶען, נִיט גִיגֶעסֶען
נִיט גִישְׁפַּאצִירְט, נִיט גִיזֶעסֶען.
בְּקִיצוּר, מִיט יֶעדֶער גוּטֶער אָדֶער שְׁלֶעכְטֶער זַאךְ
הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גִיטֵיילְט גְלַייךְ.
זֵייא הָאבֶּען נִיט בֶּעמֶערְקְט וִויא דִיא צַייט פְלִיט
אַמָאל אִיז זֵייא גִיוֶוען נִיט אַזוֹי גוּט
אָבֶּער אוּנְמוּהְטִיג ,קֵיין מָאל נִיט.
נָא, וָואס קֶען מֶען נָאךְ בֶּעסֶערְס וֶועלֶען ?
נֵיין, עֶס פַּאר גְלוּסְט זִיךְ דֶעם מַאן
דָאס וַוייבֶּעל אָפּ שְׁטֶעלֶען.
עֶר ווִיל מַאכֶען אִין דֶער רַייזֶע אַ שְׁפַּאן,
אוֹיס קוּקִין אוֹיס זֶעהְן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט,
ווּאוּ הִין ? זָאגְט דִיא אַנְדֶערֶע מִיט טְרֶערֶען.
וָואס קוּמְט אַרוֹיס שְׁלַייֶען זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט ?
ווִילְסְט דוּא רֶען אוּנְזֶער בּוּנְד שְׁטֶערֶען ?
בֶּעזָאסָאווִיֶעסְטְנִיק ! וֶוען דוּ הָאסְט צוּ מִיר קֵיין מִיטְלֵייד
דֶער מָאן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת מִיט אַלֶע לֵייד
רוֹיבּ פוֹיגֶעל, וָואלְקִין, מִיט נֶעטְצֶען
שְׁלֶעכְטֶער וֶועטֶער דוּנֶער מִיט בְּלִיטְצֶען.
וַוארְט נָאר צוּ חָאטְשׁ אוֹיף וֶועסְנֶער צַייט

פְלִיהְין אַזוֹי וַייט ;
יֶעצְט אִיז דָאס עֶסִין וִוינְצִיג אוּנ נִיט רֶעכְטְס.
דִיא וַוארָאנֶע הָאט אוֹיךְ גִיקְרַאכְקִיט הַיינְט
דָאס, זָאגְט מֶען, וַוייזְט אוֹיף שְׁלֶעכְטְס
בְּלַייבּ בֶּעסֶער אִין דֶער הֵיים, מַיין פְרַיינְד !
עֶפֶּעס אִיז פְרֵיילִיכֶער אִין צְוֵוייֶען.
אוּנ וואוּ הִין ווִילְסְט דוּא זִיךְ אַוֶועק דְרֵייֶען ?
אָן דִיר בִּין אִיךְ זֵייֶער עֶלֶענְד אוּנ גֶעמֵיין
גֶעטְצִין, קַארְשׁוּנֶעס וֶועל אִיךְ זֶעהְן אִין טְרוֹים ;
מַיין הֶערְץ וֶועט דָאס מִיר זָאגֶען מִיט גֶעוֵויין
וֶועט נָאר אַיין וָואלְקִינְדִיל זִיךְ וַויזֶען קוֹים
וֶועל אִיךְ בַּאלְד לַיידֶען לֵיידֶען אוּנ פַּיין
אִיךְ וֶועל זָאגֶען ; „וואוּ קֶען מַיין בְּרוּדֶער זַיין ?
עֶס וֶועט נִיט אַוֶועק גֵיין אֵיין רֶגַע בְּמֵעט
אִיךְ זָאל נִיט קְלֶערִין צוּ בִּיסְטוּ גִיזוּנְד, צוּ זַאט ! ״
דִיא רֵייד הָאבֶּען אִים אַ בִּיסֶעל גִירִירְט ;
אַ עֲבֵירָה אַ בְּרוּדֶער אָפּ שְׁטֶעלֶען,
דִיא רַייזֶע אִיז אִים אָבֶּער זֶעהְר גִיפֶעלֶען
זִיא הָאט אִים אִין גַאנְצֶען פַאר אִירְט.
„נִיט וֵויין, מַיין שְׁוֶועסְטֶער לֶעבֶּען
לָאז דִיר דַיין הַארְץ נִיט זַיין אַזוֹי שְׁוֶוער
נָאר אוֹיף דְרַייא טֶעג פְלִיה אִיךְ, חְלֶעבֶּען,
אוֹיף דְרַייא טֶעג, אוּנ נִיט מֶער,
אִיךְ וֶועל בֶּעמֶערְקֶען יֶעדֶער אַנְטִיק
אוּנ גִיךְ אוּנ גִישְׁווִינְד קוּם אִיךְ צוּא רִיק,
דַאן וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען וָואס צוּ רֵיידֶען
אִיךְ וֶועל דִיר דָאס אַלֶץ דֶער צֵיילֶען אִין פְרֵיידֶען

יֶעדֶער אָרְט מִיט יֶעדֶער וואוּנְדֶערְבַּארֶע זַאךְ
וֶועל אִיךְ פָאר שְׁטֶעלֶען פַאר דִיר אַזוֹי גְלַייךְ
וִויא דוּא בִּיסְט אַלֵיין דֶער בַּייא גִיוֶועֶן
אוּנ דַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען דָאס אַלֵיין גִיזֶעהְן״.
מַיינֶע פְרַיינְד הָאבֶּען זִיךְ גִיזֶעגִינְט ווַיינֶענְדִיגֶער הֵייד
צוּ קוּשְׁט, אוּנ הָאבֶּען זִיךְ צוּ שֵׁייד.
אוּנְזֶער בַייזֶענְדֶער פְלִיהְט אוּנ פְלִיהְט
מִן הַסְּתָם דַארְף דָאךְ אִין דֶער מִינוּט
אָן הֵייבֶּען רֶעגֶענֶען מִיט דוּנֶער מִיט הָאגֶעל
וִויא דֶער יַם ווַייזְט אִים אוֹיס דֶער עֶרְדֶענֶער קוּגֶעל;
וואוּ טְהוּט מֶען זִיךְ הִין? צוּם גְלִיק
הָאט עֶר אוֹיף זַיין עֶרְשְׁטִין בְּלִיק
אַ טְרוּקֶענֶעם דוּב דֶער זֶעהֶען
עֶר הָאט זִיךְ קוֹים
אַיין גֶעגֶעסְטִיט אִין בּוֹים
נָאר עֶס אִיז אָבֶּער אַ קַארְגֶע שְׁמִירָה גִיוֶועֶן
דֶער בּוֹים הָאט אִים גָאר וֶוענִיג גֶעדִינְט
פַאר דֶעם רֶעגֶען אוּנ פַאר דֶעם וִוינְט.
דֶער דוּנֶער וֶוערְט גִישְׁטִילְט דִיא זוּן גִיט אַ שַׁיין
מַיין טוֹיב בֶּעקוּמְט לוּסְט ווַייטֶער אִין וֶועג אַרַיין
עֶר טְרֵייסִילְט זִיךְ אָפּ, אוּנ ווַייטֶער גִיפְלוֹיגֶען
עֶר פְלִיהְט, ווַארְפְט זִיךְ אִים אִין דִיא אוֹיגֶען
אִין עֶק ווַאלְד, אַבִּיסֶעל ווַייץ מִיט קָארֶען
עֶר חַאפְּט אַ זֶערְנֶע אוּנ אִיז פֶּערְפְּלָאנְטִיט גִיוָוארֶען
שְׁלֶעכְט פוּן אַלֶע זַייטֶען, צָרוֹת מִיט לֵייד
מַיין טוֹיב דֶרְעֶדְט זִיךְ אוּנ דֶרְעֶדְט
זַיין גְלִיק ווַאר זֵייעֶר גְרוֹיס

וָואס דִיא נֶעץ אִיז גִיוֶוען פוּיל אַ בִּיסֶעל
אוּנ קוֹים מִיט צָרוֹת אִיז עֶר הֶערוֹיס
אוֹיס גִיוֶועבְנֶעט אַ פְלִיגֶעל מִיט אַ פִּיסֶעל
נָאר נִיט דָאס אִיז מֶען אוֹיסֶען
מַיין טוֹיבּ אִיז אַרוֹיס אִין דְרוֹיסֶען
אוּנ אַ נַייֶעה צָרָה אִיז אוֹיף אִים גִיקוּמֶען
אַ יַאסְטְרֶעבּ הָאט זִיךְ פוּן עֶרְגִיץ גִינוּמֶען
אַ נַייֶער פְּלָאג אַ נַייֶער צָארֶען
אִין דִיא אוֹיגֶען אִיז אִים פִינְצְטֶער גִיוָוארֶען
עֶר מַאכְט מִיט דִיא פְלִיגֶעל מִיט כֹּחַ מִיט קְרַאפְט
עֶר אִיז אָבֶּער מִיט צָרוֹת אַזוֹי אָן גִיזַאפְּט
אַז עֶר אִיז גָאר אָן מַאכְט גִיבְּלִיבֶּען
שִׁיעוּר שִׁיעוּר הָאט אִים דֶער יַאסְטְרֶעבּ צוּ רִיבֶּען
דַאן חַאפְּט זִיךְ פוּן עֶרְגֶעץ אַ אָדְלֶער הֶערוֹיס
אוּנ דֶער לַאנְגְט דֶעם יַאסְטְרֶעבּ אַ קְלַאפּ
עֶר וַואר זַייֶער לָאוְוקֶע אוּנ גְרוֹיס
עֶר הָאט אִים צוּ שְׁפָּאלְטִין דֶעם קָאפּ.
אֵיין רוֹיבֶּער הָאט פַאר צוּקְט דֶעם צְוַוייטֶען,
גִיהָאלְפֶען דֶער טוֹיבּ גָאר אוּם גִיבֶּעטֶען.
דִיא טוֹיבּ אִיז אַרָאפּ גִיפַאלֶען הַאלְבּ טוֹיט
אוּנ הָאט זִיךְ פֶערְבָּארְגֶען לֶעבֶּען אַ פְּלוֹיט.
„אֵיין צָרָה, זָאגְט מֶען, רוּפְט דִיא צְוַוייטֶע
אוּנ אַזוֹי וִויא דִיא טוֹיבּ לִיגְט אַ הַאלְבֶּע אַ טוֹיטֶע
חַאפְּט זִיךְ הֶערוֹיס אַ קְלֵיין קִינְד
אוּנ וַוארְפְט אִים אַ שֶׁערְבִּיל גִיךְ אוּנ גִישְׁווִינְד
אוּנ הָאט דֶער טוֹיבּ דִיא וִויֶעה צוּ שְׁפָּאלְטֶען
(עֶס הָאט קֵיין שֵׂכֶל פוּן אַ אַלְטֶען)

עֶרְשְׁט דַאן אִיז מַיין צֶערְבְּרָאכֶענֶער סְטְרַאנִיק
מִיט דֶעם קַאלֶיע פְלִיגֶעל, נָאר אָן אַ נַייֶעם אוּנְגְלִיק
יַאקָאם צוּ זַיין פְרַיינְדֶען אַ הֵיים גִיקוּמֶען
דָארְט הָאט עֶר אַ רְפוּאָה בֶּעקוּמֶען
מִיט אִיר הָאט עֶר פֶערְגֶעסִין זַיינֶע לַיידֶען
זַייא הָאבֶּען דָאס אַלְץ דֶער צֵיילְט אִין פְרַיידֶען.

אִיר, וֶועלְכֶע הָאט צוּם רַייזֶען אָהָאטֶע
לַייֶענְט אִיבֶּער דִיזֶען בַּייא שְׁפִּיל
וֶועט אִיר זַייא פֶערְאַכְטִין וִויא דִיא בְּלָאטֶע
אִיר זָאלְט וִויסֶען פֶערְדִינֶען וִויא פִיל;
גְלוֹיבְּט אַז דָאס לַאנְד לַייכְט אוּנ שַׁיינְט
אִין וֶועלְכֶע עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַייֶערֶע פְרַיינְד.

דָאס רֶעגְדֶעל

עֶרְקְלֶערוּנְג, בִּילְדוּנְג אִיז עֶפֶּעס גוּט?
אַוַודַאי גוּט, עֶס אִיז דֶער פוּן קֵיין רֶעדֶע נִיט;
נָאר מִיר רוּפִין אַמָאל מִיט דֶעם נָאמֶען בִּילְדוּנְג דָאס
וָואס הֵייסְט רָאסְקָאשׁ אָדֶער לוּקְסוּס (איבעריגס)
אוּנ אַמָאל קוּמְט אוּנְז אוֹיס גָאר
אַז עֶרְקְלֶערוּנְג רוּפֶען מִיר דֶעם שְׁלֶעכְטִין נַאטוּר;
דְרוּם דַארְף מֶען גוּט בֶּעקְלֶערִין
וֶוען דוּא וִוילְסְט פוּן דִיא גְרָאבֶּע לַייט
דִיא גְרָאבֶּע קָארֶע אָפּ שֶׁערִין

ניט פערקריכען זייער ווייט
אונ זייא, חלילה, ניט אראפ פירען
פון זייערע גוטע נאטורען.
זייער מוטה ניט שוואך מאכען
ניט פארטשין זייערע גוטע זאכען
פון זייערע אנפעלטיקייט ניט אפ טיילען
אונ גיבענדיג אים א גלאנץ א וויילען
זאל מען אים אנשטאט גוטען סאוועט
ניט בריינגען צו שאנד אונ צו שפעט
דיזע וואהרע רייד וואלטען גיקענט סטייען
אויף א גאנץ טיכטיגען בוך סאטשינייען
נאר טיכטיג רעדען
געפינט מען ניט ביי יעדען
דערום וועל איך מיט א געלעכטער אויס ווייזען אייך
וויא קלאר אונ ווירקליך איז דיא זאך.

א פראסטער בויער, וועלכע זאלכע זענען פיל
האט א מאל א רענדעל אין דער ערד גיפונען
צוואר עס איז גיווען איין גישמירט אין פיל
עס איז אבער פיל גאלד גילעגען דערינען
מע האט אים גיוואלט געבען פאר אים א סך מינץ.
ווארט! טראכט דער בויער ביי זיך אליין,
איך האב אפ גיטראכט א קונץ
אז ער וועט פאר צווייא מאל אזוי פיל אוועק גיין
איך וועל אויף אים א גוטען מקח ארויף שמייסען
אונ מע וועט אים פון מיינע הענד אויס רייסען.
דא האט דער בויער גינומען אין זיין האנד

צוּ קְלָאפְּטִין צִינֶעל, קְרַייד אוּנ זַאמְד
אוּנ נֶעמְט זִיךְ צוּם גִישֶׁעפְט
מִיט זַיין גַאנְצֶער קְרֶעפְט
אוּנ וִויא וַוייט עֶר הָאט גִיקֶענְט
הָאט דֶער בּוֹעֶר מִיט בֵּיידֶע הֶענְט ;
דָאס רֶענְדִיל מִיט צִינֶעל גִינֶעבֶּען אַ שַׁייֶער
גִינְלֶעט מִיט קְרַייד גֶערִיבֶּען מִיט זַאמְד
עֶר ווִיל דָאס נִיט אָפּ לָאזֶען פוּן דֶער הַאנְד
בִּיז עֶר וֶועט בְּרֶענֶען נָאר וִויא פַייֶער
אוּנ טַאקִי וִויא פַייֶער הָאט עֶר אַ שְׁפִּיל גִינֶעבֶען
זַיין וָואג פוּן פְרִיֶער אִיז אִין אִים אָבֶער נִיט גִיבְּלִיבֶּען
אוּנ מַיין בּוֹעֶר אִיז יֶעצְט נֶעבִּיךְ אִין צָארֶען
וַוייל עֶר הָאט פְרִיֶערִינֶע פְּרַייז אוֹיךְ אָן גֶעוָוארֶען.

דֶער עֶהֶעבְּרֶעכֶער*)

אַ נוֹאֵף הָאט אוֹיף זַיין אֵיין פְּרוֹיא
חֲתוּנָה גִיהַאט נָאךְ מִיט צְוֵייא.
אוּנ אַז דֶער סְטְרָאגֶער מָאנַארְךְ
אִיז דֶער פוּן גִיוָואר גִיוָוארֶען גְרָאד,
—אוּנ עֶר פְלֶעגְט נִיט בַּאלָאוִוין אַזַא פַארְךְ—
הָאט עֶר אִים גֶעהֵייסֶען נֶעמִין צוּם סוֹד.
אוּנ מֶען זָאל אִים אָפּ מְרַאכְטֶען אַזַא שְׁטְרָאף

*) א נואף

אז דער עולם זאל זיך וואכען פון שלאף
אז פון היינט אן אונ ווייטער זאל ער זיין זיכער
אז עס וועט זיך ניט געפינען אזא עהעברעכער . . . .
אונ טאמער וועט אייער שטראף זיין צו קליין
וועל איך אויף הייננען אלע סודיעס אליין.
די סודיעס איז דאס גאר ניט קיין שערץ (קאטאוויס).
א שרעק האט זיי גינומען ביי זייער הערץ
די ריכטער האבען דריי טעג גיקלערט
ביי נאכט האבען זיי אויך ניט גישלאפען
נאר איינער מיט דעם אנדערין זיך בעווערט
מיט וואס זאל מען דעם בולער בעשטראפען ?
אבוואהל שטראפען זענען דא זייער א סך
נאר דער וועלכער איז אפיטנע אין דער זאך
פאר שטייט ער אונ ווייסט גאנץ גוט
אז צום שלעכטען מענטשען העלפין זיי גאר ניט
ענדליך האט גאט זיי אריין גישיקט אין זינען
אונ האבען א שטרענגע שטראף געפונען
מען רופט דעם פרעפלער אין ריכטערס זאל
ער זאל הערען לייענען זיין אורטהייל,
וועלכען צווישען זיי אלע איז גיבליבען ;
מען זאל אים אלע דריי ווייבער אפ געבען.
דעם נאראד איז דער אורטהייל גיוועהן א פליאה
אונ ער האט זיך אן גיהויבען זארגען
מען זאל די ריכטער ניט הייננען אויף דער תליה ;
מען האט אבער אויף דעם פערטען מארגען
גיפונען דעם נואף ליגען דער וואָרגען.

און דער אונטהייל האט געמאכט א סטראך
אז פון דער צייט אן און ווייטער
האט זיך ניט געפונען אזא פערשייטער
זאל טהון אזא העסליכע זאך.

דיא אפיקורסים.

עס איז געוועזן א נאראד פאר צייטען,
עס איז א חרפה דער ציילען פאר לייטען.
וועלכער האט געהאט אזא פערדארבענע נשמה
און מיט גאט האט ער געוואלט האלטען מלחמה!
מיט טויזענטער פאנען, זענען דיא ריזען
וועלכע מיט ביקסען, וועלכע מיט שפיזען
מיט געפילדער און געראדער
זענען געגאנגען דיא גוטע ברידער.
דאמיט זייא זאלען בונטאווען דאס גאנצע פאלק
האבען זייא געשריגען אלע אין איין אטעם
אז גאט פירט דיא וועלט אן א טאלק
סטראנגע און קרום זענען זיינע משפטים
אדער דיא גאטער ליגען און שלאפען
אדער זייא ריכטען זייער בעטהארט. (נאריש)
און זייא זענען שוין טאקי אליין זייער ווערט
מען זאל זייא אליין גוט בעשטראפען.
און מען קען גאר גרינג אויס פירען דיא זאך
עס איז נישט קיין גרויסער קלאפאט,

מען זאל פון דיא הויכע בערג ווארפין גלייך
מיט גרויסע שטיינער אין דעם גאט.
אונ וויא מיט א בעזעם מיט בלעטער
זאל מען אויסקערין דעם אלימפּ *) מיט אלע גאטער.
אונמוטהיג פון שאנד פון דיא דאזיגע נאראנים
האט זיך גיקערט דער אלימפּ מיט א רחמנות פּנים
צו זייער גרעסטען אונ עלטערען גאט
ער זאל זייא ארויס ציהען פון זייער קלאפּאט
אונ דער סאוועט איז אזוי גיוועזן
פון אלע געטער אין איינעם ;
אז דיא בונטאווּשציקים זאלען אליין זעהען
מען זאל זייא ווייזען א נס חאטש א קליינעם
אדער א מבול זאל אויף זייא קומען
אדער דורך דעם דונער זאלען זייא אומקומען
אדער א רעגען פון שטיינער
זאל זייא צו ברעכען דיא ביינער.
„ווארט נאר צו !" האט יופּיטער גיזאגט צו זייא

---

1) דיא גריכין האבען גיגלויבט אז דער בארג אלימפּ איז פול מיט געטער, דער עלטערער גאט פון אלע האט גיהייסען „זעוועס" אדער „זעווס" אדער יופּיטער „אדער „די" ער איז גיוועזן דער זון פון „סאטארנע„ מיט „ציבעלי" דער יופּיטער האט פאר טריבען דעם טאטין זיינעם, אונ האט צו טהיילט דיא וועלט אויף דרייא רעגירונגען, אליין איז ער גיבליבען אויף דעם הימעל, אונ זיינעם א ברודער „נעפּטון" האט ער אפּ גיגעבין אלע וואסערין, דעם אנדערין ברודער פּלוטאן האט ער אפּ גיגעבען דעם אונטער דער ערד.

אויב זייא וועלען דער לײנגערין זייער גישרייא
און וועלען מאכין ווייטער דיא אייגענע בערע
און פאר דיא אונשטערבליכע ניט האבען קיין מורא
וועלען זייא גישטראפט ווערען
דורך זייערע טהאטין אליין
און אז זייא וועלען ניט אויף הערען
וועט ניט בלייבען פון זייער געביין."
דא האבען זייא אן גיהויבען ווארפען אין דער הויך
שטיינער, פיילין, פייער וויא א רויך
נאר וויא פיל פיילען זייא האבען גישאסען,
האבען זייא זיך אויף זייערע קעפ אויס גיגאסען.

דער סוף פון אפיקורסים איז שטענדיג אזוי;
נאר הערט נאר צו נאציאנען אלערלייא:
דיא מיינונגען פון דיא פאלשע חכמים
זענין וויא זשע בייא עזות פנים
נאר וואס מעהר זייא ריידען אייך אן געגען גאט
ברייגנען זייא אייך צו צרות און צו קלאפאט.
און וויא פיל אייערע טהאטין וועלען זיך מערין
וועלין זייא צו אייער שלעכטין פאר קערט ווערין.

דער אדלער מיט דיא הינער

וועלינדיג פאר זיסען זיך דעם שיינעם טאג
האט זיך דער אדלער גיפראוועט זיין צוג

אונטער דעם הימעל גיפלויגען גישפאצירט
וויא דער שיינער בליטץ שימירט.
נאך דעם האט ער זיך א ראפ גילאזט
אונ האט זיך גיזעצט גאר פראסט
אויף א אלטען דארען,
אים איז אזוי גיפעלין גיווארען.
צוואר פאר א קייזער איז זייער געמיין
זיצען אזוי נידעריג אונ קליין
נאר דיא מלכים האבען אנדערע גיינגען גאר
ווער קען פאר שטיין זייער נאטור ?
עס קען זיין ער האט גיוואלט דעם דארען בעעהרין
פילייכט האט דער קייזער קיין הויכין בוים גיפונען
ווער קען דיא דאזיגע זאך רעכט בעקלערין ?
ווער קען וויסען עפעס דערינען ?
דאס פאר שטייא איך אויך ניט צו איז דאס קרום
וואס מאכי באלד אין עטליכע מינוט ארום
איז אים דאס ארט אויך נמאס גיווארען
אונ האט זיך איבער גיקלויבען אויף א אנדער דארין
ניט וויט פון אים זענען גיזעסען הינער צווייא
זאגט איינע צו דער אנדערער אזוי ;
„פאר וואס געבען מיר דעם אדלער עהרע ?
פאר וואס האבען מיר פאר זייא מורא ?
איז זיך נאר איבער זייער פליהען !
איך קען אויך, זיך גאר ניט בעמיהען
אזא קליינע שטרעקע אריבער פליהען
פון היינט אן אונ ווייטער, זייא זיכער.
וועלען מיר זייא ניט האלטען פון אונז העכער

זייערע פים זענען ניט גרעסער
זייערע אויגען קוקין ניט בעסער.
דוא האסט דאכט מיר גיזעהען מיט דיינע אויגען!
אז גלייך וויא א הון איז דער אדלער גיפלויגען."
דעם אדלער האט פאר דראסין דיא דאזיגע רייד
און ענטפערט דער הון ברוגז־ער־הייד
„דוא ביסט גירעכט, נאר ניט ארום און ארום
אביסעל זאגסטו, גלייך און אביסעל קרום
עס טרעפט זיך דעם אדלער אמאל אזא זאך
ער זאל פליהען פיל נידיריגער פון איך
נאר דוא מעגסט זיך אליין לויבען
ביז דעם נעבעל וועסטו זיך ניט אויף הייבען.

ווען דוא ווילסט יענעמ׳ס ווערק קריטיקירען
אומזיסט זוכען דיינע פעלער זאלסטו ניט שפירען
קוק זיך בעסער צו אויף דיינע גרויסע זאכען
און סטארע זיך וויא וויים דו קענסט אים נאך מאכען.

דיא זשאבעס האבען גיבעטען א קייזער.

דיא זשאבעס האבען צווישען זיך באקלערט
אז זייער רעפובליק האט קיין ווערט.
און לאמיר טאקי באמת גוט בעקלערין
און דאס נעמין גוט אין זינען
וואס קען פון פרייהייט ווערען?

נִיט קֵיין סְלוּזְשֶׁבֶּע אוּנ נִיט קֵיין טְשִׁינֶען
זַייא זָאלֶען אַרוֹיס פוּן זַייעֶר קְלָאפָּאט
הָאבֶּען זַייא אַ קֵייזֶער גִיבֶּעטִין בַּייא נָאט.
צְווַאר פַאר גָאט אִיז זַייעֶר נִיט שֵׁיין
צוּ הֶערִין דֶעם נַארִישֶׁען גִיוַויין ;
יֶעצְט אִיז אָבֶּער גִישֶׁעהְן אַ נֵס
אוּנ זַייעֶר בִּיטֶע הָאט אָן גִינוּמֶען זֶעוֶועס.
אוּנ הָאט זַייא אַ קֵייזֶער גִינֶעבֶּען
גְלַייךְ פוּן דֶעם הִימֶעל אוֹיס גִיקְלִיבֶּען
דֶער קֵייזֶער פְלִיהְט מִיט קוּרַאזְשׁ צוּ זַייא
אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיף דֶעם טְרָאהְן גִיזֶעצְט אַזוֹי
אַז דִיא מְלוּכָה אִיז גִינַאנְגֶען צוּקֶער זִיס
דִיא זְשַׁאבִּים מִיט אַלֶע זַייעֶרֶע פִּיס
זֶענֶען גִיפְלוֹיגֶען נָאר אָן אַ־נֶ־עק
מִיט שְׁוֶוערֶע הֶערְצֶער פוּל מִיט שְׁרֶעק
וואו אִימֶעצֶער הָאט גִיקֶענְט
נָאר גְלַייךְ וִויא עֶס בְּרֶענְט
יֶעדֶער זְשַׁאבֶּע פוּן אִיר דִירָה
וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם קֵייזֶערְס צוּרָה
עֶר אִיז טַאקִי גִיוֶוען אַ חִידֶשׁ פוּן אַ קֵייזֶער
מִיט פִיל מַעֲלוֹת, נִיט קֵיין בֵּייזֶער
נִיט קֵיין לֵיידִיגֶער, הַכְּלַל גוּט דוּרְךְ אוֹיס
וִויא אַרִיז אִיז עֶר גִיוֶוען גְרוֹיס
זַייעֶר שֵׁיין אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין בְּלִיק
נָאר אֵיין זַאךְ אִיז נִיט קֵיין אַנְטִיק
וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ פְּרָאסְטֶער פְּלָאקֶען
פְרִיעֶר הָאבֶּען זַייא אִים הוֹיךְ גִישֶׁעצְט

ווייל זייא האבען זיך פאר אים גישראקען
קיינער האט זיך געבען אים ניט גיזעצט
זייא האבען דאס גיהאלטען פאר אַ טובה
אַז זייא האבען אויף אים אַ בריק גיטאן בגנבה.
נאר אַזוי וויא דיא וואונדער אַלערלייא
גיווערען אויף דער וועלט ניט לאנג
נאר אַז מען קוקט זיך גוט צו, צו זייא
ווערען זייא גאר אַ וואכידיגער גאנג
אַזוי האבען זיך דיא זשאבעס צו גיקוקט
און צו ביסלאך ווייס צו גירוקט
און איינגעוואוינט מיט דעם קעניג
נאר פערגעסין אַז זייא זענען אונטער טעניג
זייא זענען גיווארען קעלטער פון צייט צו צייט
איינע קריכט שוין צו, צו אים מיט אַ זייט
און וועלכע איז גיווען מער פרייא
ווייזט אים הערוים דעם אונטען דער בייא.—
דער קייזער טערפיט נעביך אַלסדינג
ווייל ער איז זייער אַ שטילער יונג
און נאר צום סוף
שפרינגט איינע אים אויף דעם קאפ אַרויף.
דער קייזער האט זיך צו גיגעסען דער זשאבע
עס הייבט זיך אָן אַ נייער ברוך הבא:
אַ נייער גיפילדער, אַ נייער גישרייא
נייעה תפלות מיט נייעה ביטען
יופיטער זאל שיקען אין דער בלאטע צו זייא
אַ אַנדער קייזער נאר אַ גוטען.
זייער הייסע בקשה, זייער שמערצען

נֶעמְט יוּפִּיטֶרְען אָן בַּיים הַארְצֶען
אוּנ הָאט צוּ זֵייא צוּזַגְעשִׁיקְט, אַלְס מֶלֶך
דֶעם זְשוּרַאוֶועל, נִיט קַיין שְׁטֶעקְען ;
נָאר מִיט אִים אִיז גָאר נִיט פְרֵיילִיך
עֶר לִיבְּט דֶעם עוֹלָם שְׁטֶענְדִיג שְׁרֶעקִין
עֶר פֶערְטִילֶענְט אַלֶע רְשָׁעִים
אוּנ וֶוען עֶר הֵייבְּט זֵייא אָן צוּ רִיכְטֶען
גֶעפִינְט עֶר קֵיין מָאל קַיין גֶערֶעכְטִין ;
דֶער פַאר הָאט עֶר פוּן דִיא חַטָאִים
צוּ יֶעדֶער עֶסִין אַלֶע טָאג
אַנַייֶעם סוֹד, אַ נַייֶע קְלָאג.
אוּנ אוֹיף דִיא שְׁכֵנִים פוּן דֶער בְּלָאטֶע
אִיז גִיקוּמֶען אַ סוּחָאטֶע ;
עֶר שְׁלִינְגְט זֵייא אַיין פוּן טָאג צוּ טָאג
אוֹי אַ מַאנְגֶעל ! אוֹי אַ פְּלָאג !
פוּן פְרִיה מָארְגֶען בִּיז שְׁטָאק נַאכְט
גֵייט אוּם דֶער קֵייזֶער נָאר גִיטְרַאכְט
עֶר זִיד, עֶר קָאכְט, עֶר אִיז אִין כַּעַס
קוֹים טְרֶעפְט עֶר אֵיינֶע אוֹיף דֶער גַאס
אִיז אִיר רֶעשְׁענֶיע גִיך אוּנ בַּאלְד,
עֶר שְׁלִינְגְט זִיא אַיין מִיט אַ גְוַואלְד
זַיין פְרֶעסִין אִיז נָאר אָן שִׁיעוּר
זֵייא אִיז עֶרְגֶער יֶעצְט פוּן פְרִיעֶר.
דָא הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייא גֶערוּדֶער ;
„אוֹי שִׁיק יוּפִּיטֶער צוּ אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער
עֶפִּיס אַ אַנְדֶערִין, אַ בֶּעסֶערִין קֵייזֶער

וַייל דֶער דָאזִיגֶער אִיז צוּ אַ בֵּייזֶער,
אוּנ וִויא עֶר קֶען אוּנְז נָאר קְרִיגֶען
שְׁלִינְגְט עֶר אוּנְז נָאר וִויא דִיא פְלִיגֶען
נִיט קֵיין קְוַואקִי, נִיט זִיךְ קְווִיקֶען
בַּאלְד עֶפֶּעס זֶענִין מִיר מְסוּכָּן,
עֶר אִיז עֶרְגֶער פוּן אַ פָאסוּחֶע."
פַאר וָואס הָאט אִיר פֶערַאכְטֶעט אַייעֶר הַצְלָחָה?
—הָאט זִיךְ אָן גִירוּפֶען אַ קוֹל פוּן הִימֶעל—
"נִיט אִיר אַלֵיין הָאט גִימַאכְט אַ טוּמֶעל
דַאקוּמְשֶׁעט שְׁטֶענְדִיג מִיט אֵיין בַּאנֶער
אוּנ מִיךְ נִיט גִילָאזְט רוּהִין בִּיז אַ הֶער
אִיךְ זָאל אַייךְ נָאר אַ קֵייסֶער גֶעבֶּען
הָאבּ אִיךְ אַייךְ אֵיינֶעם אוֹיס גִיקְלִיבֶּען
אִיז עֶר גִיוֶוען צוּ שְׁטִיל פַאר אַייךְ
אוּנ הָאט זִיךְ גִיבּוּנְטֶעוֶועט אִין אַייֶער גֶעמַאךְ.
הָאבּ אִיךְ גִיגֶעבֶּען דֶעם אַנְדֶערֶען קֵייזֶער
אִיז עֶר, זָאגְט אִיר צוּ אַ בֵּייזֶער
לֶעבְּט-זְשֶׁע מִיט דֶעם שְׁטִיל אוּנ פַיין
אִיר זָאלְט נָאךְ אִין קֵיין גְרֶעסֶער צָרָה נִיט אַרַיין.

דִיא הִינְדִישֶׁע גֶעזֶעלְשַׁאפְט.

אוּנְטֶער דֶעם פֶענְסְטֶער פוּן דֶער קִיךְ
זֶענִין פָאלְקָאן אוּנ בַּארְבָּאס גִילֶעגֶען זִיךְ
אוּנ וַוארִימֶען זִיךְ גֶעגֶען דֶער זוּן,
אִיךְ וֵייס נִיט וִויא קוּמֶען זֵייא אַ הִין?

מיר דאכט אז געבען דיא טויערען
ליגען מיט געבוערטע אוערין
איז א סך גלייכער דיא שטוב היטין,
נאר אזוי וויא זייא האבען זיך אן געגעסין
אונ אן געפאקט א בויך א גוטין
— אונ דאס דארף מען אויך ניט פערגעסין
אז פאר דיא גיהייבענע הינד
בילען בייא טאג רעכענט זיך א זינד —
האבען זייא אן גיהויבען קלערען אין צווייען
אונ זיך דעם קאפ דרייען
פון אלצדינג, פון שלעכטין, פון גוטין
אונ פון זייער סלוזשבע דיא נוטין,
אונ גאר צום סוף
זענען זייא אויף דער ליבע ארויף.
דער ערשטער רופט זיך אן פאלקאן
אונ זאנט „וואס איז בעסערס פעראן
אוף דער גאנצער וועלט
וויא אז צווייא זענען גוט צו נויף גישטעלט?
אונ לעבען זיך זייער גוט
אונ קענען ניט זיין אליין איין מינוט
אייגער אן דעם אנדערען ניט גיזעסען
ניט גיטרונקען ניט גיגעסען,
שטיין פאר דעם אנדער׳ס פעל וויא א העלד
אונ קוקין שטענדיג דעם חבר אין דיא אויגען
טאמער קען ער אים צו עפעס טויגען
טאמער וואלט דער חבר דער פון גיקוועלט,
ער זאל אין דעם חבר׳ס גליק פאר שטיין

זיין אייגען גליק אליין.
היינט זאג אליין און בעקלער
ווען אזא ליבע, נאפרימער
זאל זיין צווישען אונז ביידען
איז גאר אפענטליך גיזאגט
אז מיר וואלטען גילעבט אין פריידע
מיר וואלטען ניט בעמערקט וויא דיא צייט יאגט.
—„ אמת ! עס איז ווירקלאך דיא זאך,
אזוי ענפערט אים בארבאם גלייך
שוין לאנג טוט מיר וועה מיין הערץ דערויף,
זייענדיג מיט דיר צווייא הינד אין איין הויף
גייט ניט אוועק קיין קליינע צייט
עס זאל צווישען אונז ניט זיין קיין שטרייט.
און פרעג פאר וואס ?
אדאנק אונזער בעל הבית
עס איז אונז ביא אים גאנץ גוט
מיר הונגערען קיין מאל ניט
מיר האבען א גראם ארט
איז מאקי א שאנדע, אויף מיין ווארט,
מען רעכענט דיא ליבע פון דיא הינד
פאר א פרימער פון לאנגע צייטען
און וועדליג איך זעה ארוים אצונד
איז צווישען אונז וויא צווישען לייטען
נימא פון דער ליבע גאר
אפילו קיין שפור (סליעד)
„לאמיר זשע ווייזען דעם פרימער אצונד,
הופט זיך אפ פאלקאן

אַז טַאקִי נָאר צְווִישֶׁען אוּנְז, הִינְד
אִיז לְיוּבָּאוו אוּנ דְרוּשְׁזְבֶּע פְּעֶרַאן, „
—גִיבּ דִיא לַאפֶּע ! ״ —„נַא זִיא דִיר ! ״
אוּנ דִיא צְווַייא גוּטֶע בְּרִידֶער
הָאבֶּען זִיךְ אוּיס גִיקוּשְׁט אַלֶע גְלִידֶער
אוּנ זֶענֶען פְרֵיילֶעךְ גָאר אָן שִׁיעוּר
זֵייא וֵוייסֶען נִיט וֶוער אִיז צוּא זֵייא גְלַייךְ
אוּנ וֶוער אִיז נָאךְ אַזוֹי וִויא זֵייא רַייךְ.
„מַיין טַייעֶרֶע נְשָׁמָה ! ״
— מַיין זִיסֶע נְחָמָה ! ״
אוּיס קְרִיג, קִנְאָה, בֶּעזֶער נַאטוּר
אַוֶועק פוּן זֵייא צוּם שְׁווַארְצֶען יָאר,
אוּנ וִויא זֵייא רֵיידֶען זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין
הָאט דֶער קֶעחֶער אַהֶארְף גִיגֶעבֶּען אַ בֵּיין
דַאן הָאבֶּען זִיךְ דִיא צְווַייא הִינְד
צוּ לָאזְט גִיךְ אוּנ גִישְׁווִינְד
מִיט אַלֶע פִיר, מִיט אוּיס גֶעיַארֶעטֶע צֵיין
יֶעדֶער וִויל פְרִיעֶר חַאפִּין דֶעם בֵּיין
וואוּ אִיז הִין גִיקוּמֶען זֵייעֶר בּוּנְד
זֵייעֶר נַחַת אוּנ זֵייעֶרֶע פְרֵיידֶען ?
זֵייא רַייסֶען זִיךְ שׁוֹין טַאקִי וִויא דִיא הִינְד
שְׁטִיקְלַאךְ פְלֵיעֶהן פוּן זֵייא בֵּיידֶע
אוּנ מַיין טַייעֶרֶע נְשָׁמָה״
קְרִיקְט זִיךְ שׁוֹין מִיט דֶער „נְחָמָה״
קוּים מִיט צָרוֹת אוּנ מִיט לֵייד
הָאט מֶען זֵייא מִיט וַואסֶער צוּ שֵׁייד.

מיט אזא ליבע וויא אין דעם ביא שפיל
איז דיא גאנצע וועלט פול און פול ;
ביא היינטיגע פריינד מעג מען זאגען
—מען וועט דער פאר קיין עבירה ניט טראגען—
אז דיא ליבע פון דעם מענשינ׳ס קינד
איז גלייך מיט דער ליבע פון דיא הינד
אז מען הערט דיא גוטע פריינד ריידען
דאכט זיך, אז איין נשמה איז ביא זייא ביידען
נאר פריוו וואָרף זייא אונטער א ביין
וועלען זייא זיך ארויס נעמען פאר אים דיא ציין.

דער האן מיט דעם פעריל.

דער האן האט אין מיסט א פעריל גיפונען
און זאגט : „וואס פאר א נוטץ איז דערינען ?
איז דען דאס ניט נאריש און דום
וואס מען שעצט דאס וויא א רייכטהום ?
און איך וואלט פיל פריילכער גיוועזען
אזערנע גערשטין דער זעהען
צוואר ער שיינט ניט אזוי שיין
ער איז אבער גוט צו דיא ציין.

אלע גוטע זאכען האבען אזא פנים
ביא דיא פאנאטישע נארונים,
אין וועלכע זאך זייא האבען קיין פאר שטאנד
פעראכטין זייא, נעמען דאס ניט אין דער האנד.